בס"ד

# מצוה אנציקלופדיה

## מצות סת"ם השלם

### דיניו ומנהגיו

**חלק א** הוא ספר זכרון אליהו והוא מדריך לכתיבת וקניית ספרי תורה תפילין ומזוזות.

**חלק ב** הוא ספר שערי שלום והוא מדריך לקביעת המזוזה כהלכתה, וציורים להקל על מעשי הפראקטיק ללמד על מעשי קשר של תפילין.

**חלק ג** הוא ספר דרכי חיים והוא כללים יסודיים לקיים המצות כהלכתה.

**חלק ד** הוא ספר מאירת חיים והוא לקוטי דינים היותר נחוצים לכל הנוגע לטבילת גברא ובפרט לשוחטים וסופרים.

**חלק ה** הוא ספר מזוזת ישראל כהלכתה תוכן הקונטרס גילוי ידיעות מבהילות במזוזות המפוזרים בכל קצות הארץ וגם בארצה"ב, ולהזהר ולהשמר בעת הקנייה. כי באי זהירות כל דהו עלול ליפול בפח יוקשים וליאבד מעוה"ז ועוה"ב, ומעשים רבים שכבר אירעו בזה, ואיזהו חכם הרואה את הנולד.

# שער הציורים

### המכיל

עשית קשר של יד ושל ראש

נוסח אשכנז וספרד

ומלאכת תיקון הדיו של סופרים

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

– ברוקלין, יצ"ו • שנת תשל"ט –

MOSAD BRUCHA TOVA

P.O.B. 331

Brooklyn, N.Y. 11219

# ORDER FORM FOR PUBLICATIONS

## Fill out & mail in.

| Quantity | | Price | Total |
|---|---|---|---|
| ______ | **Nefesh Yeshaye** | $9.25 | ______ |
| ______ | **Responsa Zivchei Tzedek** | $4.50 | ______ |
| ______ | **Minchas Yehuda** | $5.00 | ______ |
| ______ | **Oholei Yisroel—Dvar Moshe** | $4.75 | ______ |
| ______ | **Afias Hamatzos Hasholem, Vol. 1** | $6.00 | ______ |
| ______ | **Achilas Matzos B'Yisroel**, Vol. 2 | $6.00 | ______ |
| ______ | **Achilas Hatarnegolim Kahalocho** | $6.85 | ______ |
| ______ | **Kedushas Yisroel** | $5.00 | ______ |
| ______ | **Zekan Yisroel Kehilchoso** | $1.00 | ______ |
| ______ | **Tzeniyus Yisroel Kehilchosa** | $1.00 | ______ |
| ______ | **Or Hatzeniyus B-Yisroel** | $1.00 | ______ |
| ______ | **Kol Yaakov** | $1.00 | ______ |

## English Language Publications

| Quantity | | Price | Total |
|---|---|---|---|
| ______ | **Mitzvah Encyclopedia**, Vol. 1, Laws & Customs of Passover Matzah | $7.95 | ______ |
| ______ | **Mitzvah Encyclopedia**, Vol. 2, Laws & Customs of Passover Matzah | $7.95 | ______ |
| ______ | **Encylopedia of Kashruth**, Vol. 1, Cholov Akkum, a General Exposition | $6.50 | ______ |
| ______ | **Encyclopedia of Kashruth**, Vol. 2, Cholov Akkum, Infant Formulas | $4.75 | ______ |
| ______ | **Tiferes Matisyahu—Concerning the Mitzvah of Mezuzah** | $1.50 | ______ |
| ______ | **The Halachos of Answering Amen** | $1.00 | ______ |
| ______ | **Justice, Judges, and Judgment as Determined by Torah Law: , Honest Money** | $4.95 | ______ |

Sub-total........ ______

Bookdealers and Educational Institutions: ................ ______

Add 7% of retail price for postage & handling ........................ ______

Grand Total........ ______

Please enclose full payment with order.

The above order is to be shipped to

Name ______________________________

*Address* ______________________________

*City/State/Zip Code* ______________________________

## כוס של ברכה

הנה מקום אתי פה להביע תודה רבתי לכל המסייעים והעוזרים לי בחיבור זה ובשאר חיבוריי עוסקי במלאכת הקודש באמונה בלתי לד׳ לבדו שלא ע״מ לקבל פרס, רק בכוונה מזוקקה מטוהרה לזכות הרבים ולהסר מעליהם קצת מגודל האחריות של ״חיוב מחאה״ וקולר הגדול והכי נורא התלוי בצווארי הבלתי מוחים, (כמבואר בש״ס בבלי, ירושלמי, וזה״ק ושאר ספה״ק, והארכתי בקונטרס מנוחת שלום״ וכן בפרק ג׳, ע״ש. ולמטרה זו מגישים טירחם, וזמנם, בלי שום פני׳ צדדית.

ישאו כוס מלא ברכות ד׳, וימלא ד׳ כל משאלות לבבם לטובה, ובשילוח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם, ברוחניות וגשמיות, ויתקדש שם שמים על ידיהם, ויזכו לראות מתוך נחת ובריאות בשלימות בנים ובני בנים עד עולם הולכים בצעדיהם, וללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי התורה יהי׳ כל תשוקתם, וגודל כח זכות הרבים יעמוד תמיד נגד פניהם, וזה יהי׳ כל רצונם, בכוונה העיקרי לעשות נחת רוח לבוראם, ויוצרם, ולשוב ולעבוד את ד׳ שכם אחד ביראה ואהבה כל ימיהם, ובעל הרחמים יחוננים, ויסלח לכל עונותיהם, בתוך שאר ישראל אחיהם, ויזכו לבנין ביהמ״ק, והתגלות כבוד שמים במהרה בימיהם, אמן.

## תחנה ובקשה־ציבורית

הנה הוצאת הדפוס רבו כמו רבו עד למעלה ראש, וכמעט באו מים עד נפש מהוצאות הגדולות של דפוס, צילום, כריכה, ועוד.

וע״כ באנו בקריאה נלהבה לאחינו בני ישראל לעזור להוצאות הספר בעין יפה ורוח נדיבה, ובזה יזכו ג״כ להיות ממזכי הרבים, ולשכר הגדול הצפון למזכי הרבים כמבואר בפלא יועץ (אות דפוס) וז״ל: והנה מאחר שעל הרוב קצור קצרה יד החכמים מלהדפיס ספריהם כו׳, וראוי לעשירים כו׳ **לפתוח ידיהם אליהם בעין יפה ובזה חלק כחלק יאכלו** עם החכם כו׳ והכל לפי מה שהוא הספר, **ולפ״מ שהוא נצרך לרבים**, ולפי התועלת הנמשך ממנו לעבודת השי״ת ודוק ותשכח שכמעט אין כסף שיהא נחשב למצוה רבה כזו, שכל הוצאה של מצוה הוא לשעתו כו׳, אבל זה הנותן לצורך הדפוס **צדקתו עומדת לעת לדור דורים, והוא מזכה את הרבים, זכות הרבים תלוי בו** כו׳ **מה טוב חלקו** קנה שם טוב, קנה לו דברי תורה, קנה לו חיי העוה״ב, וגם העוה״ז כו׳ עכ״ל.

## מזמור לתודה

מעומק לבבינו הננו מגישים תודה רבתי לרבנים הגדולים יושבי על מדין שתרמו מזמנם ומכוחם וטרחו ועמלו לעבור על דברי הספר, והעירו והגיהו לפי רוחב בינתם, וגם לרבות עצות נכונות וישרות ומועילות שהביאו מדעתם כדי שיצא הספר הלזה מתוקן ומהודר בתכלית היופי בחלק ההלכתי ובחלק המוסרי שיהי׳ ראוי לעלות על שלחן מלכים, ימלא ד׳ כל משאלות לבבם לטובה ובכל אשר יפנו יצליחו ויזכו להרביץ תורה וקדושה בכרם ישראל עד ביאת ינון במהרה בימינו אמן.

## הדרכה לקורא

הספר הזה הוא פרי עמל ויגיעה כבידה בליקוט מאמרים מפוזרים, מפי סופרים וספרים, שהוא מעבודות הקשות שבמקדש, וע״כ כל תלונה וערעור אם יהיה, תדע שהוא אך ורק על הספרים ההם וחף אני מפשע, כי עיקר מלאכתי להוריק מכלי לכלי, והדברים עתיקים, ודוגמת מ״ש במסלת ישרים בהקדמה.

ואין נא אלא לשון בקשה לשום עין עיוני על כל דברי הספר, כי אין לשער גודל התועלת שאפשר לקבל ממנו כי הוא בעזה״י מלא וגדוש בדברים טובים ומועילים לרפואת הנפש והגוף, למגדול ועד קטן, ובעיון קצר כמדלג על ההרים, בראיה בעלמא, לא יקנה תועלת הרצוי׳.

ועכשיו נבא אל הנקודה הפנימית לבאר וליישב קושית העולם על מה ולמה נשנה מסכת קדשים הלזו בלשון המדובר ולא כנהוג בכל דור, להדפיס בלשון הקודש?

והתירוץ פשוט ומובן בקל להרוצה להבין, אבל האוהב לטעון ושונא לפרוק, שערי התירוצים לא יספיקו לו, ויהי׳ לו את אשר לו, אבל המשכילים הנותנים לב להבין, (ואין ממהרים להשיב על כל דבר כדרך הפתאים ברואם דבר חדש, מיד מגביהין עשרה אצבעותיהם, ושואלין ודורשין מה זאת, ולמי זאת, ולמה זאת) אם יביטו בפנים הספר בתשומת לב והסרת נטיות צדדיות עצמיות, כקורא דיוטוגמא חדשה, יבין שמטבע הטבוע בבנ״א הוא להיות קרוב בקריאה ודיבור ושמיעה, ללשון שמורגל בה מימות של ילדותו (ילדותה), מלשון אחרת שאינו רגיל בו כ״כ. ועוד תועלת גדולה מתנוצץ מזה שגם נשים וילדים ירוצו קריאתם בו, והוא דבר כמעט הכרחי לבא לתכלית הנרצה שיזהרו בהלכות גדולות ששנו כאן, ושייכים להם, וגם יעזרו ויזהירו בעליהם ג״כ לעשות כמתכונתם, באם שבל יתאפשר לו מחמת טירדות הזמן בשום אופן לעיין היטב בכל הדברים הכתובים לפנינו, יהא מלאכתו נעשית על ידי׳, ועוד טעם להקל על המעיין להבין דבר דבור על אופניו בלי ליאות וטירחא יתירה.

יה״ר שיתקיים בנו דברי הספר חסידים (סי׳ רכ״ד) שכ׳ שכל האומר דבר שמועה מפי הקדושים אשר בארץ המה, מתפללין עליו, וממליצים עליו.

וזכות כל הצדיקים וקדושים שדבריהם מובאים בס׳ הלזה, עם שאר הצדיקים יעמוד לנו ולזרענו וזרע זרענו להדבק בדרכיהם, וללכת בעקבותיהם, לשמור גדרי וחומות הקדושה המורשה מאבות אבותינו, ולעשות נחת רוח ליוצרינו ובוראינו, עד ביאת גואלנו, במהרה בימינו.

גלייכצייטיג זענען מיר מוסר מודעה אז מיר מיינען ח״ו בכלל נישט מקטרג צו זיין און זוכען פעלערס, נאָר אדרבה ואדרבה ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען אַז די בערג מיט צרות און נסיונות זענען פילע, און שטאַרקע, מיט׳ן צוגאָב פונעם געוואַלדיגען הסתרת פנים אַזוי אַרום אַז עס איז עקסטערע חסדים פון בורא כל עולמים וויאַזוי דאָס אידישקייט האַלט זיך נאָך, און דעריבער איז אונזער אַרבייט דאָס די אידען וואָס זוכען און ווילען אויף אַן אמת זיך פירען בדרכי התורה והיראה אָהנע פשרוּת און וויתורים, נאָר צוליב איילעניש, און ווייניג התבוננות באַמערקן זיי נישט דאָס פיל מכשולות פאַסירען טאָג טעגליך ווי זיי פאַלען דורך קעגן זייער ווילען און פרינציפּ, און דאָס בלויז איז אונזער ציהל אויפצוקלערן פראַקטישעביישפילען וואס מען לעבט מיט און מען ווייס נישט אַז דאָס איז קעגן די שטאַטוטען פון די תורה, וואָס זענען די יסודות פון אידישקייט און מיט קליינע באַוועגונגען אין די זייט שטעלט מען איין דאָס גאַנצע אידישקייט.

גלייכצייטיג נעמען מיר אַרויס פון די חז״ל הלכות און באַמערקונגען, דערמיט צו ווייזען אַז די זאַכען זענען נישט בלויז חסידות, און מצוה מן המובחר, אָדער לכתחילה, נאָר ״הלכות חמורות״.

✡ ✡ ✡

בס"ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו...**

(ישעי' נ"ה ז')

הספר הנוכחי יצא לאור בסיוע ובעזר

הרה"ח מוהר"ר משה עזריאל לאווי שליט"א

מוקדש לע"נ

הוריו הרה"ח מוהר"ר משולם איסר בן מוהר"ר זאב דוב ז"ל, נפטר ביום א' דשבועות, וזוגתו מרים בת ר' צבי ארי' ובניהם דוד, ובתם לאה ה' ינקום דמם.

ולע"נ חמיו מוהר"ר חיים בן מוהר"ר רפאל נפטר י' טבת וזוגתו טילא בת מוהר"ר אליהו נפטר ר"ח סיון ובניהם אליהו ומחלה נפ' ה' טבת.

ולע"נ זקינו הר"ר צבי ארי' בן ר' משה עזריאל ז"ל, ובניהם מרים, שרה, לאה רויזע, חנה, ובנו בן ציון ובן בנו מרדכי. ולע"נ ר' משה ב"ר חיים צבי לעווינזאהן ז"ל, נהרג עק"ה טשאכעסלעוועיקע.

תנצב"ה

**יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע"י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.**

**דפוס הדר**
EXCELLENT VARITYPER & PRINTER
195 Lee Ave., Brooklyn, N.Y. 11211
Tel.: (212) 384-4249

# הקדמה

ראה ראיתי בהפרצה הנוראה במקצוע מזוזות השוררת בעו"ה בכל קצות תבל בגלל שמלאכת קודש הלזו, כמו שאר עבודת הקדש, נתהפכה למסחר גדול, ונערים המנוערים מן המצות וריקים מכל זיק תורה ויר"ש עוסקים בעבודת הקודש הלזה שאינה הולמתם, וכיון שסתם ההמון, ואפילו הלומדים, אינם בקיאים בדיני צורות האותיות ניקל ביותר להערים ולהונות הקונים, התמימים.

ודין גרמא כי לא די שמבטלים כל הימים עלי אדמות מצות מזוזה ותפלין, אולם גם תוצאות העונשים להמבטל מצות יקרות הללו אין נמנעין מן השמים, כמבואר בהפוסקים ובמציאות היום־יומית.

וע"כ אזרתי כגבור מתניי החלשות, לצאת לקראת נשק בקסת הסופר בקריאת קול־קורא, וגם בהדפסת ספרים.

לגלות לאשר לא ידעו ולהזכיר את אשר ידעו כי המצב ירוד מאד מאד בכל הנ"ל, והבאתי מעשים רבים שאירעו בחמישים שנים האחרונות וגם בימינו אלה מאורעות שונות ומשונות צרות רבות ורעות על אשר עזבו מצוה יקרה הלזו, ואפילו במקום אונס גמור לא הועיל להנצל מהפגעים מכל עבר ופינה.

וגם בקונטרס הלזה כוונתי להושיט בקנה כל הידיעות הנ"ל, בבטחון שיתעוררו אחינו בני ישראל לדקדק אחר מצוה זו כדבעי, ובהעצות לזה ג"כ נכללים בתוך הקונטרס.

ובזכות זה ישמור אותנו השומר, מקל וחומר, ונזכה לראות במהרה בנחמה בכפלים, בבנין ציון וירושלים במהרה.

**הק' שלום יודא גראס**
אבדק"ק האלמין

# התוכן לספר

# זכרון אליהו


סימן ....................................................... עמוד

א. די גרויסקייט פון מצות תפלין.................................. ה

ענף ב. דער עונש פון דעם וואס לייגט נישט קיין תפילין רח"ל.... ז

ענף ג. מכשולות ביי ס"ת, תפילין און מזוזות ..........................ח

ב. הדרכה פאר סופרים בתים מאכער און סוחרים. (אויך פאר יעדען יחיד)....................................................................... יג

ג. ווארענונגען פאר סופרים און עצות.............................. טז

ד. דעם גרויסן שכר פאר ערליכע סופרים ........................... יח

ה. מען דארף אויך שטארק געווארנט זיין ביי די אנדערע טיילען פון תפילין...................................................................... כא

ו. סוחרים סתם...................................................כג

ז. וויכטיג פאר'ן יחיד — אויסזעהן פון א סופר יר"ש ............. כד

ח. הידור מצות תפילין — מזוזה ..................................כז

ט. סופר כשר ויר"ש............................................... כח

י. געקליבענע וויכטיגע ענינים וועגן תפילין ומזוזות (וס"ת)......לג


✡ ✡ ✡

ספר

# זכרון אליהו

(לבית דוד)

## סימן א

## די גרויסקייט פון מצות תפלין

א) יעדער וואס לייגט תפלין איז מאריך ימים (מנחות מד: טור י׳ ל״ז, ואחרונים).

ב) דער וואס לייענט קר״ש און דאוונט שמו״ע מיט טלית און תפלין איז ער געזיכערט מיט עולם הבא (שימושא רבה, טור ל״ז, שלחן שלמה, הגר״ז, מ״ב, ברכה״ב שע׳ ל״ח, כה״ח למהרח״פ, ערוה״ש, כה״ח ל״ז), און עס ווערט פארעכנט אזוי ווי ער וואלט געבויט א מזבח, און מקרב געווען דערויף א קרבן (ברכות ט״ו, ערוה״ש ל״ז).

ג) אביי זאגט איך האפט אים אז דאס פייער פון גיהנם וועט אויף אים נישט געוועלטיגן (שם).

ד) רב פפא זאגט איך פארזיכער אים אז אלע זיינע עבירות ווערן אים פארגעבן (שם).

ה) אלע צוזאגן זענען נאר ווען מען טראגן עס בנקיות (ריין) (קשל״ה, מהרח״פ שם, וה״ח לז, א) און ווען מען גיט אכטונג נישט צו רעדן אדער ארבעטן מיט תפלין (שם, וקש״ע).

ו) דער וואס לייגט נישט קיין תפלין הייסט ער א פושע ישראל בגופו (ר״ה טז.) און נאך 12 חדשים ווערט דער קערפער פארניכטעט און די נשמה פארברענט, און די אש ווערט צושפרייט אונטער די פיס פון די צדיקים (שם), אפילו אויב איין טאג בלויז האט ער נישט געלייגט (ב״ח, פמ״ג), ליידער געפינען זיך היינט אזעלכע וואס כאטש זיי האלטן זיך ביי אידישקייט זענען זיי זייער לייכטזיניג און עס קען פאסירן טעג וואס די תפלין זענען נישט ארויף ביי זיי אויפן קערפער, טייל פון די שפירן נישט די ריכטיגע הארבקייט דערפון, און באגרייפן ניט דעם גרויסן שטראף פון פארוואורפן ווערן אייביג, (וואס דאס באדייט) דער וואס לייגט נישט תפלין דר״ת קען דער שטן ח״ו מקטרג זיין אין הימל און אים מאכן אלס פושע ישראל בגופו (דע״ק).

ה*) די וואס לייגן תפלין און מאכן א געלעכטער פון די רצועות איז פונקט ווי זיי וואלטן נישט געלייגט (תוס׳ שבת מט, הג׳ יעב״ץ שם).

ו) דער וואס לייגט נישט הייסט א פושע ישראל אפילו אויב די סיבה איז ווייל ער האט זיך שטארק אנגעגעסן, און ער האט נאכדעם, חולה מעים, אדער נישט קיין ריינעם גוף, וואס דאמאלטס איז ער פטור פון תפלין עפ״י הלכה (עי׳ סי׳ ל״ח), פונדעסטוועגן דאך ווייל ער האט זיך דאס אליינס צוגעברענגט דורך צופיל עסן הייסט ער בכלל פושע ישראל, וואס ווערט שטרעג געשטראפט ווי אויבנדערמאנט [אות ה׳] (עמק ברכה, מהרח״פ שם, כה״ח ל״ז ז׳).

פון דא לערנען מיר זיך זייער סאך, וואס איז א נפקא מינה ביי פיל זאכן, צ.ב.ש. איינער גייט ארויס ווינטער נישט געהעריג געקליידעט און האט זיך ל״ע פארקילט באקומען פיבער וואס האט געברענגט סאך רוחניותדיגע שאדן, ביטול תורה, ביטול דאווענען בציבור, ביטול פארשידענע מצות וואס ער האט געדארפט מקיים זיין, כאטש אזא צייט רעדט מען זיך איין אז אונס רחמנא פטרי׳ (דאס וואס מען קען נישט העלפן האט די תורהגעפטר׳ט פון שטראף) קומט אבער אויס לויט די אויבנדערמאנטע ספרים, אז דאס איז בלויז בארוהיגונגס איינרעדענישן, ווייל אזוי ווי ער האט דאס פאראורזאכט איז ער אליין חייב באחריות, אויף אלע פאלן.

ז) אויב מען האלטן איין די מצוה פון תפלין ווי מען דארף, וועט ביים יום הדין איבערוועגן די זכיות, אויב נישט וועלן איבערוועגן די עבירות, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע מצות עשה אין די תורה ווי תפלין, דעריבער דארף יעדער געווארנט זיין אין מצות תפלין (רא״ש ה׳ תפלין, ב״י ל״ז, לבוש שם, הגר״ז שם, שלחן שלמה ברכה״ב שע׳ ל״ח).

ח) די מצוה פון תפלין וועגט קעגן אלע מצות פון די תורה (זוה״ק פנחס, לבוש ל״ז, יפלל ח״א א, כה״ח ל״ז ב׳).

ט) טייל זאגן אז די סגולה פון אריכות ימים איז ביי תפלין דר״ת (כתבי יושר בקו״א לטעה״מ) אנדערע זאגן אז אלע זענען אייניג מסוגל אויף אריכות ימים (של״מ בטה״ד ד׳).

י) דער וואס לייגט תפלין אויפן קאפ און ארעם גייט ארויס א קול פון אלע חיות, אופנים, שרפים, און מלאכים וואס זענען באשטימט אויף די תפלות, גיטס כבוד פארן דיוקנא פון קעניג וואס דאס איז דער וואס לייגט תפלין.

יא)ביים ערשטן מאל לייגן תפלין אין טאג פון בר מצוה קומט א הארה און געפיל פון קדושה (אות חיים ל״ז, ה׳, ועי׳ הדרת קודש בשם מרן הגה״ק רב שר שלום מבעלזא זי״ע).

יב) די תפלין דארף מען האלטן אין א שיינע שאנק (ס״ח קכ״ט). דאס מיינט א שיינעם בייטל (סופרי ישראל כלל ה׳).

יג) איינער וואס ווערט פארשעמט ווייל ער לייגט טלית און תפלין, ווערט גערעכנט ווי ער וואלט זיך גע׳הרג׳ט פאר השי״ת (ס״ח מ׳).

# ענף ב

## דער עונש פון דעם וואס לייגט נישט קיין תפילין רח״ל

א) דער וואס לייגט נישט תפלין פאלט אויף אים אראפ א פייער מיט בליצן פון אויבן (קרבן מנחה סי׳ ...?, רו״ח סי׳ ל״ז אר׳ ב׳).

ב) ער וועט נישט אויפשטיין תחית המתים (מהרח״ו בשעה״ק ח״א שער ז׳, דברי מנחה אר׳ א׳ בשם קשל״ה).

ג) דער וואס לייגט נישט תפלין וועגט איבער די עבירות (רא״ש הלק״ט ה׳ תפלין סי׳ רכ״ז).

ד) דער וואס האט איין טאג נישט אנגעטוהן טלית־ותפלין, קר״ש געליינט און געדאווענט, זאל פאסטן איין און זעכציג טעג דאס מתקן זיין (משנת חסידים פ״ה ממס׳ תשובה אר׳ א׳).

ה) תפלין איז מכפר אויף גאוה און שפיכות דמים (כה״ח למהרח״פ סי׳ י׳ ל׳, יפל״ל ל״ז א׳, כה״ח אר׳ ג׳).

ו) דער וואס איז געווארנט מיט מצות תפלין וועגט איבער די מצות (רא״ש הלק״ט ה׳ תפלין סי׳ כ״ז).

# ענף ג

## מכשולות ביי ס"ת, תפלין און מזוזות

א) אין די הקדמה פון תקון תפלין (איינע פון די ראשונים אין די צייטן פון רא"ש) שטייט, איך האב געזען א שלעכטע קרענק ביז מיין זעהן איז פארציטערט געווארן פונעם טאג וואס איך האב מיך געזעגנט פון מיין רבי'ן הכ"מ מרוטנבורג האב איך נישט געטראפן ווער עס זאל מדקדק זיין אין די דריי מצות ציצית, תפלין, מזוזה, ווי מען דארף, אויסער רבינו פרץ מקורביל (בעל הג' סמ"ק), הרב החסיד ר' זוסלן ז"ל, הרב מלכיאל מהגמוניא, אויסער זיי האב איך נישט געטראפן ווער עס איז מדקדק אין די דריי מצות וואס יעדע איינע וועגט ווי די גאנצע תורה און אלע מצות.

ב) דער ברוך שאמר שרייבט או' ג' (עמוד כ"ה בהקדמ"ח) אז היינט בעוה"ר איז מען נישט בודק תפלין און מזוזות אפילו צי הונדערט יאר, ווייל קיינער קימערט זיך נישט צו שתדלן מקיים צו זיין מצות תפלין און מזוזות געהעריג, קומט אויס אז מען זיצט כמעט א גאנץ לעבן אן תפלין און אן מזוזה, דעריבער זאל יעדער יר"ש נישט זיין נאכלעסיג בודק צו זיין זיינע מזוזות און תפלין כדי מקיים צו זיין די צוויי מצות אן א ספק ע"כ.

ג) דעסטגלייכן ברענגען מיר צו (אין מדור הדרכה לסופרים) אין נאמען פון מדרש, אז דער צוגאב פון מקיים זיין מצות תפלין ווי מען דארף, איז אז עס ווערט פארעכנט אין הימל פונקט ווי מען וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה, און געלערנט תורה טאג און נאכט, דעריבער טאר מען בשום אופן אזא גאלדן געלעגנהייט נישט ארויסלאזן פון די הענט, ווייל שטעלט אייך פאר וויפיל מענטשן לאזן זיך קאסטן צו שטיצן תורה, אדער פאר א מצוה כ"ש ווען איר כאפט אריין אלעס אויף אמאל מצות תפלין, תלמוד תורה, און דער קיום פון אלע מצות, איז אפילו מען זאל דארפן צאלן דערפאר א טויזנטער הייסט דאס ביליג, כ"ש ווען איר קענט באקומען תפלין מיט די פרשיות און רצועות מיטן בודק זיין פאר וואנציגער ווי פינף הונדערט דאלער היינט צו טאג, דערצו גייט מען לויטן שיטת אור זרוע דאמאלט ארויס פון סכנה, און לויט משנת חכמים ווערן דאמאלט הערשט אנגענומען אין הימל די תפלות.

ד) דער לבוש שרייבט (לב, כ) אז ער האט געהערט גרויס עם הארצות פון סופרים ווי זיי זאגן "קויף תפלין און איך וועל עס שרייבן פאר דיין נאמען וועגן" דאס זעלבע האט ער געהערט פון קונים (קאסטומערס) וואס זאגן "שרייב

תפלין פאר מיין נאמען" דאס איז פיסטקייט וואס סיי די סופרים ווי אויך די קונים מיינען אז די מצוה פון לשמה איז אזוי ווי ביי גט, מען זאל עס שרייבן פארזיינעט וועגן, און דאס ברענגט דעם חורבן, ווייל דורכדעם ווייס ער נישט אז תפלין דארפן זיין לשם קדושת תפלין, ווארום ער טייטשט לשמה אנדערש.

ה) היינטיגע צייטן איז ליידער דא אסאך פרשיות פון תפלין אפילו פון סופרים וואס הייסן מומחים וואס האבן א חשש פסול בעו"ה, און אסאך מאל זענען פרשות גע'פסל'ט געווארן (מסגה"ש סי' י, א).

ו) דער משנת חכמים (סי' רכ"ח) שרייבט אז ליידער יעדער פראסטער לײדיגער מענטש וואס קען שרייבן אביסל סופריש נעמט סמיכה און שרייבט, און אויף דעם פארלאזט מען זיך, נוא! איז נאך א ווינדער וואס אונזערע תפלות ווערן נישט דערהערט אין הימל, (מלאכ"ש כלל א, קסה"ס סי' א, משנ"א כלל י"ח).

ו)* דער נודע ביהודא זצ"ל שרייבט: אז בעוה"ר מעטנשען גיבן נישט אכטונג און לייגען פסול'ע תפילין. דער פאר זאל יעדער אכטונג געבען אויף זיינע תפילין אז דאס פיער קאנטיגקייט (ריבוע) זאל נישט קאליע ווערן,

און קויפען ביי ערליכע היימישע סופרים ווייל לײדער געפינען זיך אומ־פארלעסליכע סופרים וואס זענען נישט געווארנט ביים שרייבען אין זענען גורם אז די וואס טראגען זייער תפילין זאלען גייען שטענדיג אהנע תפילין, און מאכען יעדע טאג צווי ברכות לבטלה.

ז) דער שערי שלום (להרה"ג מטשאבא) שרייבט אז ער האט געהערט אין נאמען פון זיין שווער דער סופר מפורסם מוהר"ר שמואל קרויס הי"ד בן הגה"צ המפורסם מהר"ר חיים סופר ממונקאטש, דאס ער איז אמאל געוועזן וועגן א שליחות אין די שטאט האלעשיץ האט ער געזען דארט איבער הונדערט פופציג סופרים וואס פון זיי איז געוועזן נישט מער ווי דריי סופרים כשר'ע יראים ושלמים, די איבריגע לײדיגע, וואס האבן געשריבן פרשיות מיט א אויפגעדעקטן קאפ אן יר"ש, און פונדעסטוועגן דאך איז זייער שריפט געוועזן שיין און שנעל דעריבער דארף מען זיך גיט נאכפרעגן און מען קען נישט בויען אלס אויפן שריפט אליינס (ע"כ).

ח) דער גאון וצדיק מוה"ר שמעון סופר זצ"ל אב"ד ערלוי (בן הכתב סופר זצ"ל) פארפירט שרעקליך וועגן די גרויסע מכשולות וואס כמעט אלע תפלין זענען בעוה"ר פסול סיי וואס מען קויפט פון דורכרייזערנע מענטשען, סיי וואס

מען קויפט פון מוכרי ספרים, די גדולי עולם האבן שוין פארפירט דערקעגן, אויך זיין פאטער מרן כתב סופר האט אסאך געטאן אין דעם דעריבער איז די איינציגע עצה דער וואס דארף תפלין, מזוזות, אדער ציצית זאל גיין צו זיין פריוואט רב און ער זאל גיט נאכפרעגן נאך א סופר מומחה ויר"ש (הקדמה לשו"ת התעוררות תשובה, שערי שלום סי' י').

ט) נאך שרייבט דער גאון וצדיק אז סאך מענטשן רעדן זיך אפ הייתכן די סופרים בעטן אסאך געלט פאר תפלין און מזוזות, און ביי די ספרים געשעפטן קען מען באקומען אלעס גאר ביליג? דער אמת איז אבער אז אויב די תפלין זענען ריכטיג כשר מוז עס זיין טייער (אויסער אויב דער סופר אדער בתים מאכר וויל צולייגן געלט פון אייגענעם טאש צו יעדן פרשה אדער בית וואס ער פארקויפט, וואס דאס איז קעגן שכל און פאקט), און תפלין וואס מען גיט ארויס פאבריק מעסיג זענען אלס ביליגער, אבער יעדער ווייס אז די זענען אן שום צווייפל פסול (שם).

י) דעריבער פירט ער אויס זאל יעדער א טראכט געבן א שטייגער אויב א גרויסע פראפעסאר זאל אנקומען און פארקויפן מעדעצין וואס ברענגען אריכות ימים, וואלט יעדער אודאי געקויפט ווייל דאס לעבן איז וויכטיגער פון אלעם, אפילו עס זאל קאסטן א האלב פארמעגן, כ"ש ביי תפלין ומזוזות וואס די הייליגע תורה שרייבט למען ירבו ימיכם וימי בניכם, אז דאס ברענגט אריכות ימים פאר זיך און די קינדער, טאר מען אודאי נישט ווערן שפארזאם, ווייל דער מעדעצין איז א זיכערער, (שם).

יא) היינטיגע צייטן וואס דער כח פון אמונה איז ליידער זייער שוואך, און די סופרים מערן זיך ווי היישעריק און אין איין שטאט ווייסן מיר צום גרויס באדויערן סופרים אין די הונדערטער וואס רוב פון זיי זענען געצליך נישט קיין יראי השם, און פון דארט האט זיך די מכה צושפרייט אויך אין אונזערע אלע שטעט, מען פארקויפט תפלין ומזוזות ביליג ביז גאר, און מען נעמט פרישע סופרים צום אויסלערנען ליידיגע יונגען וואס פארמאגן נישט קיין פיצל יראת שמים און זיי פארקויפן תפלין מיט מזוזות פאר א פאר צענט, ווייל זיי שרייבן מערער א טאג און בלי ספק אז זיי זענען נישט מקדש די שמות, און זייער גאנצע ארבעט האט נישט קיין קדושה, מיר זענען אבער נישט בכח צו פסל'ן די פרשיות, ווייל דאס איז פאר בארגן אין הארץ דאס קלות ביים שרייבן, אבער יעדער וואס דאס יראת שמים באריט זיין הארץ זאל נישט קויפן תפלין און מזוזות נאר פון

א סופר וואס ער איז באקאנט אלס ירא שמים, און דאס זעלבע ביים לאזן שרייבן א ספר תורה (ערוה״ש יור״ד רפ״א ט׳).

יב) אין שו״ת כנף רננה (או״ח סי׳ צ״ג) אז א סופר וואס האט פארקויפט תפלין, וואס די הארלעך קומען נישט ארויס אינדרויסן (ביי די תפלין של ראש) טאר מען נישט מאכן א ברכה אויף זיינע תפלין ווילאנג מען טוט נישט אונטערזוכן דעם סופר אויב ער איז א מומחה, און אויב ער איז נישט מזלזל אין די דינים פון תפלין ע״כ. פון דעם זעען מיר אז אויב מען טרעפט א מינדעסטע לייכט זיניגקייט סיי ביי די ס״ת, תפלין, און מזוזות, סיי ביי די בתים, טאר מען שוין נישט קויפן ווייטער פון דעם סופר, ווילאנג מען איז נישט געהעריג חוקר ודורש דעם מהות פון דעם סופר)

יג) דער וואס האט אפגעשריבן א ס״ת (אדער תפלין ומזוזות), דער נאך האט מען געזען אז ער איז א מין (כופר, אפיקורס) כאטש מעיקר הלכה וואלט מען געקענט מתיר זיין אז יעצט איז ער פאר דארבן געווארן, און ביז היינט איז ער געווען בחזקת כשרות, אבער ביי די רשעים (פסול׳ע סופרים) איז כמעט זיכער אז דאס פאר דארבליכקייט איז שוין פון פריער געלעגן דארט איינגעווארצלט, און בפרט ביים היינטיגן דור וואס די אמונה איז ליידער שטארק נאכגעלאזט (ערוה״ש רפ״א ט׳).

יד) הגה״ק בעל מנחת אלעזר אבדק״ק מונקאטש זצ״ל שרייבט (אות חיים סי׳ ל״ט סעי׳ א׳) אז נאך ביים לעבן פון זיין פאטער (בע׳ דכ״ת זצ״ל) האבן זיי געטאן וועגן די ס״ת, תפלין, מזוזות וואס קומען פון גאליציע, און זענען צושפרייט איבער די גאנצע מדינה, האבן זיי געזען אז די ערליכע סופרים וואס מען קען זיך אויף זיי פארלאזן זענען זייער ווייניג, די איבריגע וואס זענען די מערהייט זענען גרויסע קלים צוזאמען מיט זייערע ארבייטער קלים שבקלים.

טו) נאך שרייבט הגה״ק ממונקאטש (דארט) דאס אין א גרויסע שטאט אין ליטע ״סלאנימא״ וואס פון דארט ווערן צושפרייט אויף די וועלט ס״ת, תפלין, מזוזות אין די שווערע צענדליגע טויזנטער, האט ער זיך געטראפן אין קארלסבאד מיטן סלאנימער רב (הגאון העצום שר התורה מוהר״ר יוסף אב״ד סלאנימא, בעמ״ס פורת יוסף ומרכבת יוסף) און האט אים געפרעגט וועגן די סת״מ פון סלאנימע, האט ער געענטפערט קורץ און קלאר, אז **אלע ספרי תורה, תפלין, מזוזות וואס ווערן פארשפרייט פון דארט איבער די וועלט מעג מען ארייווארפן אין מיסט און עס איז פסול מן התורה**, ווייל די שרייבערס זענען רשעים כופרים, להכעיס׳ניקעס, ווער רעדט נאך פון מקדש זיין שמות זיי גלייבן

דאך נישט אין די זאכן!!! שרייבט ער ווייטער; דאמאלטס האב איך מיך דערוואוסט אז אין וויען און פעסט פארקויפט מען ספרי תורה די שענסטע נאר סלאנימער, די אויערן קלינגען בלויז צו הערן די זאכן הערט טייערע ברידער און פארשטייט אליין אז דאס גרויסע גלות איז נאר צוליב דעם וואס רוב אידישע קהלות ווערן בעוה"ר געשטורכלט מיט פסול'ע ס"ת, תפלין מיט מזוזות, און נישט בלויז וואס מען לייגט נישט קיין תפלין, נאר טויזנטער ברכות לבטלה ווערן געמאכט [סיי ביי די תפלין, סיי ביי די ספרי תורה, סיי ביי ארויפשטעלן מזוזות, טויזנטער מענטשן וואוינען א גאנץ לעבן אן מזוזות, אן קריאת התורה א.ד.ג.].

דעריבער זאל מען נישט קויפן פון סתם סופרים בפרט פון סוחרים וואס קויפן איינער פון אנדרן און יעדער גלייבט דעם צווייטן אבי צו פארדינען א גרייצער, נאר ביי א סופר וואס איז מוחזק ומפורסם אלס ירא שמים מעג מען קויפן נישט ביי א צווייטן (ע"כ די רייד פון הגה"ק ממונקאטש זי"ע).

טז) דער ישמח משה זצ"ל שרייבט די ווערטער: אויך מזוזות זאל מען געווארנט זיין עס זאל זיין כשר, און מען זאל וויסן פון ווי מען קויפט זיי ווייל עס איז דא סופרים קלים וואס לאזן שרייבן תפלין ומזוזות פון קינדער אונטער דרייצן יאר, וואס איז א פסול לויט אלע דיעות, און א פסול וואס מען קען נישט דערקענען אויף די פרשיות (דרך הטובה והישרה).

יז) עס גייט פאר א גרויס מכשול, ווייל טייל בעל בתים האבן ספרי תורות אין ביהמ"ד וואס זענען מיט טעותים, טענה'ט קהל אז דאס פארעכטן הוצאות געהערט פארן בעל הבית פון ספר תורה, ווייל פאר קהל מגי' צו זיין מערערע ספרי תורה איז א גרויסע אויסגאבע, אבער יעדער יחיד פריוואט מאכט דאס אויס קלייניקייטן, און די בעל בתים זענען נאכלעסיג, שוין אויסגעשלאסן דעם איסור פון האלטן א פעלערדיגע ס"ת אין שטוב (יור"ד רע"ט) 30 טעג, טרעפט מען אין די גמרא (יומא ע', סוטה ד') אז יום הקדוש האט יעדער שטאלצירט מיט זיינע הידורים אויף מצות ס"ת, סיי די כתב, טינט, פארמעט, א.ד.ג., וואס ווען ענטפערן די מענטשן יום הקדוש ביים יום הדין, ווען זיי לאזן זייער ס"ת פסול צוליב אביסל געלט (שו"ת משנה שכיר קי"ז).

דעריבער איז מיין עצה צו מאכן א חברה וואס זאלן צוזאמענעמען געלט אויף דעם צוועק און פון דעם געלט זאל מען פארעכטן אלע ספרי תורות (שם).

## סימן ב

# הדרכה פאר סופרים בתים מאכער און סוחרים

### (וויכטיג אויך פאר יעדן יחיד)

א) א סופר דארף זיין א געוואלדיגער ירא שמים (טור, לבוש, פמ"ג, קסה"ס ועוד), סיי דער וואס שרייבט תפלין, סיי דער וואס מאכט בתים (טור ל"ב, ולבוש שם, ושלחן שלמה. ב), עס איז ראוי פאר דעם וואס איז בכח (מנהיגי הדור) צו באשטימען שרייבער פון תפלין (אדער ס"ת ומזוזה) פאסיגע מענטשן אמת'דיגע מענטשן, וואס האבן פיינט געלט, בעל תורה, ג'ט'ס פארכטיגע, אין יעדן איינציגן שטאט און מדינה, פונקט ווי מען נעמט אויף שוחטים און בודקים, מען זאל נישט גלייבן אלע סופרים וואס מיינען נאר צו מאכן ביזנעס דורכן מאכן שיינע תפלין, כאטש דאס איז אויך א ערליכע כוונה, צו באשיינען די מצוה אזוי ווי מען דארף דאס איז נאר אויב מען האט דערביי אויך א הייליגע כוונה אויך (צו פארשפרייטן און מזכה זיין אידן מיט כשר'ע פרשיות) וואס אין דעם איז מען נישט געווארנט (לבוש ל"ב כ', משנ"א סי' י"ח).

א) די גמרא זאגט אין עירובין י"ג, אז ר' ישמעאל האט אנגעזאגט פאר ר' מאיר וואס איז געווען א סופר, די ווערטער: "זאלסט געווארנט זיין ביי דיין ארבעט וואס איז א הימל ארבעט, טאמער פארפעלסטו איין אות, אדער שרייבסט איבעריג איין אות קומט אויס אז די מאכסט חרוב די גאנצע וועלט" דער מהרש"א זאגט פשט אזוי ווי די גאנצע תורה זענען נעמען פון השי"ת, און מיט דעם האט דער רבש"ע באשאפן די וועלט, במילא אויב מען פארפעלט אן אות צופאלט די וועלט וואס די תורה עקזיסטענץ.

ב) דער לבוש בארעדט שטארק טייל סופרים אין זיינע צייטן וואס לאזן יונגען וואס לערנען זיך שרייבן, אפשרייבן פרשיות און טראצדעם וואס זיי ווייסן נישט וואס טיט זיך און זיי שפילן זיך סתם ארום שרייבנדיג, פארקויפן די סופרים דיזע פרשיות, און כדי טייער צו מאכן די פרשיות זאגן זיי נאך, דאס איז מיינע פרשיות! זאל זיך יעדער סופר דערוויטערן פון דעם ווייל זייער עונש לעתיד וועט זיין זייער גרויס [דאס זעלבע דארף מען אויך געווארנט זיין אז אפילו ווען א סופר לערנט מיט תלמידים שרייבן פרשיות, דאס זיי זאלן זיך נישט לערנען אויף פרשיות וואס האט שמות נאר אויף מגילות ווי ווייטער דער מאנט, אבער דאס איז יעדענפאלס נישט עפ"י תורה צו פארקויפן פרעמדע

פרשיות, און צו זאגן אז דאס זענען מיינע, ווי עס זענען לויט אונזער אינפארמאציע שוין פארקומען אזעלע סקאנדאלן ביי היימישע סופרים וד"ל].

ג) דער לבוש מיטן פמ"ג זאגן אז פארשפרייטן פסול'ע תפלין איז גורם ברכות לבטלות יעדן טאג פארן לייגער, אויסערדעם וואס ער איז מבטל מצות תפלין. דערפאר שרייבט דער פמ"ג (ל"ב, סעי' כ') אז א סופר מוז זיין מער ירא שמים ווי א שוחט, וואס איז מכשיל בלויז מיט א לאו (וכ"כ בקסה"ס, וביח אהרן, משנ"א סי' י"ח).

ד) נאך קען מען מוסיף זיין אז א שוחט איז (לכאורה) א קלקול צייטווייליג, אבער א סופר וואס גיט ארויס פרשיות קען מען דאס אנטאן לדורות דאס טראגט מיט זיך אן אחריות אויף דורות ווייטער.

יעדער מענטש וואס טיט אן תפלין אויב עס טויג נישט איז ער חוץ די ברכות לבטלה עובר יעדן טאג אכט מצות עשה (מנחות מ"ד, בה"ג ה' תפלין).

ה) נאך קען זיין אז דער סופר וואס איז מכשיל ווערט געשטראפט פונקט ווי ער וואלט אפגעהאלטן יענעם פון מקיים זיין כל התורה כולה, ווייל איינער וואס איז מקיים מצות תפלין איז פונקט ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (מד' חסידות ויתרות או' נ"ה מובא במנחת סולת עמ' י"ט), טראכט אריין מיט התבוננות וואס דאס באדייט, צו טראגן אן אחריות פון שווערע הונדערטער מענטשן אויף אלע מצות פון דער תורה!!! (סופר ישראל כלל א').

ו)אויסערדעם טראגט מען אויף זיך א גרויסן אחריות פון ביטול תורה, ווייל דער מדרש זאגט (מדרש תהלים פ"א פי"ז) אז די אידן האבן זיך באקלאגט פארן רבש"ע אז זיי ווילן לערנען תורה טאג און נאכט, נאר זיי האבן נישט קיין צייט, האט דער רבש"ע געענטפערט טוט אן תפלין וועל איך ענק פאררעכענען פונקט ווי איר וואלט געלערנט תורה טאג און נאכט, ע"כ. קומט אויס אז ווען מען גייט אין פסול'ע תפלין איז מען מבטל חוץ מצות תפלין די געוואלדיגע מצוה פון תלמוד תורה, וואס יעדע רגע פון ביטול תורה איז חיוב מיתה (אבות, ודלא יליף, להגר"ז בה' ת"ת, ובלקוטי אמרים די"ב חיוב כרת ע"ש) און דאס אלעס טראגט אויף זיך דער סופר וואס האט נישט גענומען ערנסט דעם אחריות ביים שרייבן פרשיות פון תפלין און פארקויפן זיי, און דערפאר דריקט דער טור אז דער סופר מוז זיין א געוואלדיגער ירא שמים (שם).

ז) מיר ווילן אויך באמערקן א וויכטיגן פונקט אז נישט נאר סופרים וואס טויגן נישט טראגן דאס פאראנטווארטליכקייט, נאר גלייכצייטיג די ספרים

געשעפטן וואס זענען נישט באקאנט וואס טוט זיך און פאר קויפן אויף תולה ארץ וואס עס לאזט זיך זענען אויך פאראנטווארטליך אויף דעם וואס זיי פארקויפן און פארשפרייטן (עי' שו"ת מחנה חיים סי' א', ובמ"ב סי' ש"ז, ס"ק ס"א).

ז*) נאך א פאר דריסליך טעות וואס מיר קענען נישט פארשווייגן אז די אלע ווארענונגען פאר סופרים סיי בנוגע יראת שמים, סיי אנדערע זאכן טוען איינשליסן אויך דעם וואס מאכט די בתים, רצועות, גידין, א.ד.ג., אזוי ווי דער טור מיטן לבוש ווי אויך אנדערע ראשונים און אחרונים שרייבן קלאר און דייטליך, דעריבער טאר מען דאס בשום אופן נישט צושפאלטן אין צוויי,ביידע זענען אייניג פאראנטווארטליך טאמער זייער מיסיע איז נישט דורכגעפירט געווארן געהעריג.

ח) אפילו די ערליכע סופרים וואס שפירן ביי זיך און האבן דעם געפיל אז אלע ווארענונגען מיינט מען בעיקר קלים ופושעים אבער ערליכע יראי השם דארפן נישט מורא האבן, זאל מען וויסן אז עס איז נישט אמת ווייל כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו, און ביי סופרים באדייט דאס דאפלט ערשטנס ווייל ער איז א ירא שמים האט ער א גרעסערן יצר הרע, און צווייטנס ווייל די קונים זיינע זענען די מדקדקים וואס אויף זיי האלט זיך די וועלט. דארפען זיי זיין בעסער ווי אלגמיין, און דערפאר פארלייגט זיך דער בעל דבר שטארקער.

פונקט ווי ביי אלע מצות אין די תורה זענען די נסיונות פון ערליכע אנדערש פון פראסטע, (אבער יעדער שפירט אז דער יצה"ר ארבעט), דאס זעלבע ביי סופרות, און דער אלמלא הקב"ה עוזרו לא היה יכול לו (אויב נישט וואס דער רבש"ע העלפט וואלט מען אים נישט געקענט בייקומען) איז געזאגט געווארן פאר יעדן.

ט) נאכדערצו וואס מיר געפינען אין די ספרים אז אין די לעצטערע דורות פארלייגט דער יצה"ר זיין גאנץ געוויכט אויף דריי פיר יסודות, וואס איינס דערפון איז די סופרים (כדאי' בתולדות פ' נשא, ושו"ת חת"ס או"ח סי' ר"ה, וְח"ו סי' פ"ג) דערפון דארפן די סופרים אליין פארשטיין אז דער קאמף אין דעם הינזיכט איז נישט צום פארגלייך מיט די אלגעמיינע טאג טעגליכע נסיונות, און די זהירות מיט פאר זיכטיגקייט, ווי אויך סייעתא דשמיא פארלאנגט זיך דעריבער אין א אונשאצבארע מאס וואס דאס קען זעלבסט פארשטענדליך זוכה זיין נאר א ירא שמים גדול.

ט.ב) די וואס קויפן סתם תפלין און ווייסן נישט ווער עס האט עס געשריבן טאר מען נישט א ברכה מאכן דערויף, אפילו מען האט עס געגעבן פאר א סופר בודק צו זיין, ווייל ביי די תפלין זענען דא אסאך דינים, און עס איז פאראהאנען תפלין וואס זענען פסול אפילו מען זעט עס נישט מיטן אויג, צ.ב.ש. מען האט עס נישט געשריבן "לשמה", אדער מען האט נישט מקדש געווען דעם שם,ליידער גפינט זיך היינט אסאך סופרים וואס זענען ניט מדקדק אין אלע דינים, און אפילו נאכן שרייבן אויב זיי זעען עפעס א פסול, פארעכטן זיי דאס מיט דעם אופן וואס מען טאר נישט, און אפילו עס זאל נאר זיין א קליינע פראצענט איז מען אויך מחויב חושש צו זיין, און אודאי זאל מען געהיט זיין נישט צו זוכן ביליג, ווייל די וואס פארקויפן ביליג, כמעט זיכער אז זיי איילן זיך און געבן נישט אכטונג ווי מען דארף, אויסער דעם זאגן מיר יעדן טאג (ברכה"ב ל"ח, שע"ב ל"א).

י) א מסור איז פסול צו שרייבן תפלין אדער מאכן בתים א.ד.ג. (סי' ל"ט), אזוי ווי דאס איז א אפטע זאך דארף מען אכטונג געבן (פמ"ג ל"ב, ל"ט).

סימן ג

# ווארענונגען פאר סופרים און עצות

א) דער ספר ברוך שאמר שרייבט מען זאל שרייבן גיטע גאנצע אותיות נישט צובראכענע, שטאט מיט גרויס כוונה, און מען זאל זיך נישט איילן כדי צו פאר דינען אסאך געלט ווייל דער ריווח וועט סיווי נישט האלטן, נאר עס וועט פארניכטעט ווערן, און מען לייגט נאך אוועק די נשמה, ווייל מען מאכט זינדיגן א רבים (א"ר סי' ל"ב, ל"ז, משנ"א סי' י"ח, מלאכת שמים כלל א).

ב) אזוי ווי היינטיגע צייטן איז דא אסאך פרשיות פון תפלין אפילו פון סופרים וואס זענען מוחזק פאר מומחים, וואס האט א חשש פסול בעו"ה, דער פאר ליגט א פליכט אויף יעדן בן תורה צו לערנען הלכות פון שרייבן ס"ת, תפלין, מזוזות, בפרט צורת אותיות, און ער זאל אליין באטראכטן און בודק זיין די תפלין ומזוזות אויב זיי זענען כשר (מסגה"ש סי' י' א').

ג) מיר האבן פון דעם געשריבן אז דאס וואלט געווען א שטיקל תקנה ווען מען זאל איינפירן אין ישיבות בפרט כוללים, אז מען זאל לערנען הלכות סת"ם, דער תועלת קען מען מיט ווערטער נישט שילדערן, דעריבער ראשי ישיבות מיט כוללים עורו נא! התעוררי נא! התיצבו נא בעד נפשות ישראל, וזכות הרבים תלוי בכם.

ד) דער וואס שרייבט אדער פארשפרייט פסול'ע תפלין ומזוזות כו' וועט נישט אויפשטיין תחיית המתים (מהרח"ו שער הקדושה ח"א שער ז', דברי מנחם או' א' בשם קשל"ה, יפל"ל או' ב' כה"ח ל"ז שלחן מלכים ה' תפלין).

ה) די סופרים דארפן געווארנט זיין צו פירן זיך מיט ס"ת, תפלין, מזוזה מיט הייליגקייט, און פארכט, און צו זיין חסידים ואנשי מעשה דען מיט דעם שטעלט ער איין זיין בלוט און לעבן, ווייל די גאנצע תורה איז השי"ת נעמען, און אויב ער גיט נישט אכטונג צו שרייבן מיט גרויס קדושה און טהרה איז זיין בלוט אויף זיין קאפ, און א גרויסער שטראף ערווארט אים מיט זיינע קינדער נאך אים, ווייל ווילאנג די פסול'ע ס"ת, אדער תפלין אדער מזוזה עקזיסטירן אויף דעם עולם, אלע וואס מאכן א ברכה דערויף ווערן דורך אים געשטרויכלט מיט א ברכה לבטלה, און די הייזער שטייען אן א שמירה, דאס ברענגט צו אז דער משחית (מלאך וואס פארדארבט) זאל האבן איינטריט אין שטוב (צום פארמעגן, צום געזונט, צום לעבן, צו די קינדער א.א.וו.) און דער סופר וואס האט לייכט גענומען דאס שרייבן אן קדושה, כוונה, און יראה, איז ער גורם אויף אלע שאדנס וואס קומט ארויס דורכדעם (משנת חכמים למהר"ם חאגיז רכ"ז, משנ"א סי' י"ח, מלאכת שמים כלל א').

ו) גלייכצייטיג נעמט דער סופר אויף זיך דאס אחריות אויף די עבירות פון די אלע וואס נוצן זיינע מזוזות און תפלין, ווייל די חז"ל זאגן אז ווער עס פארמאגט ציצית אויפן בגד, תפלין אויפן ארעם, מזוזה אויפן טיר, איז ער אין די חזקה אז ער וועט נישט זינדיגן (מנחות מ"ג:) (סופרי ישראל כלל ד).

ז) נאך שרייבט דער רמב"ם ה' תפלין פ"ד): די תקנה פון תפלין איז אומגעהויער גרויס, ווילאנג מען האט אן תפלין אויפן קאפ און ארעם איז מען אן עניו און ירא שמים, און מען ווערט נישט נאכגעשלעפט נאך געלעכטער מיט דברים בטלים, מיט שלעכטע געדאנקען, נאר מען קערט דעם הארץ צום אמת און צדק (מלאכת שמים כלל א').

ח) דאס זעלבע מיטן אריכות ימים וואס תפלין ברענגט (מנחות מ"ד, רמב"ם שם) איז אויך אפהענגיק אינעם סופר (שם).

ט) אויך ברענגען די סופרים דעם מענטש צום שווערן שטראף פון דעם וואס האט נישט קיין מזוזה, און גזל'נן צו פון זיי דאס גוטס וואס דער רבש"ע האט צוגעזאגט פאר די וואס זענען מקיים די מצוה, ווי עס שטייט, למען ירבו ימיכם וימי בניכם (מלאכ"ש שם).

י) נאך א גרויע עולה פאסירט, מען נעמט געלט באיסור, ווייל דער קונה האט נישט באצאלט פאר פסול'ע תפלין און מזוזות, ווערן די סופרים געשטרויכלט אין די הארבע עבירה פון גזל הרבים, וואס מען קען נישט באצאלן ווייל מען ווייסט נישט וועמען מען האט באגאזלט (שם).

יא) אויסערדעם איז ביטער שווער תשובה צו טאן, אזוי ווי די חז"ל זאגן פאר איינעם וואס מאכט זינדיגן א רבים (שם).

יב) דער משנת חכמים (סי' רכ"ח) רעדט זיך אפ דאס הארץ אז עס איז נישטא ווער עס זאל עפעס טאן אין דעם ענין פון פסול'ע תפלין ומזוזות, וואס שטייען אין די העכסטע ראמען פון דער וועלט, יעדער ליידיגער שרייבט ס"ת, תפלין, מזוזות, נוא! איז נאך א וואונדער אז מען נעמט נישט אן אונזערע תפלות? ליידער בין איך נישט בכח צו טאן נאר זיך אפרעדן פון הארצן, אפשר וועט דער רבש"ע העלפן און אין די קומענדיגע דורות וועט ערפונדען ווערן א מיטל צו פארעכטן דעם מכשול (מובא במלאכ"ש שם, קסה"ש סי' א, משנ"א סי' י"ח).

## סימן ד

## דעם גרויסען שכר פאר ערליכע סופרים

א) דער מלאכת שמים ענדיגט זיינע ווערטער (בכלל א') פאלגענד: דער שכר פון מזכה רבים זיין איז געוואלדיג גרויס, ווי דער חובת הלבבות שרייבט (אהבת השם פ"ו) אז דער שכר פון א מענטש וואס הארעוועט זיך אויס אין די העכסטע מדרגה באלד ווי א מלאך איז נישט קיין פארגלייך צו די שכר פון דעם וואס לערנט טוהן דעם גיטן וועג, ווייל זיינע זכיות ווערן געדאפלט, דורך זייערע מעשים טובים שטענדיג (דאס זעלבע א סופר וואס איז מזכה מיט כשר'ע פרשיות).

ב) נאך שטייט אין ספר טל אורות אז דער שכר פון א מזכה רבים איז, אז דער רבש"ע איז אים אויך מזכה אז ער זאל האבן א ערליך דור, וועגן דעם זאלן די סופרים געווארנט זיין צו טאן זייער ארבעט מיט אמונה, פונקטליך, שיין און זאלן שטענדיג לערנען אלע דינים מיט מקורי הלכות פון ס"ת, תפלין, און מזוזות, ווילאנג זיי וועלן בקי זיין דערין בתכלית הבקיאות, און וועלן פארשטיין קלאר אלעס בתכלית ההבנה, דאמאלט וועלן זיי פארעכנט ווערן אלס מזכי הרבים, און עס וועט זיי זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט (ע"כ).

ג) דער בית יוסף האט געזאגט פאר הק׳ מוהר״ר חיים וויטאל זצוק״ל אין נאמען פון זיין מגיד אז א האלבע וועלט שטייט אין זכות פון זיין פאטער מהר״ר יוסף וויטאל, דורך די תפלין וואס ער שרייבט (ס׳ חזיונות, שער הגלגולים הק׳ ל״ז, ועד מועלכ״ח, מהרח״פ, חיד״א בשם הגדולים או׳ י׳, מאסלה״מ ל״ב, וע״ע שו״ת הרמ״ע סי׳ ל״ח).

ד) דער וואס שרייבט גוטע כשר׳ע תפלין לויט זיין מעגליכקייט איז זיין באלוינונג פיל פאכיג גערדאפלט, און ער ווערט גערעטעוועט פון גיהנם (א״ר שם בשם ב״ש, קסת הסופר סי׳ א׳ א׳, משנ״א סי׳ י״ח).

ה) דעריבער דארף יעדער סופר זיך מתבונן זיין איידער ער טרעט צו צום שרייבן אז ער שטייט יעצט אויפן שייד וועג, פון איין זייט אויב ער טוט וויפיל ער קען די פרשיות פון תפלין מזוות ווי אויך ס״ת זאלן זיין געשריבן בתכלית הכשרות וההידור, אזוי ווי עס פאסט פארן סופר פונם מלך מלכי המלכים, דאמאלט האט מען פון עולם הזה, ווייל דאס געלט איז כשר פאר דינט און עס איז ראוי עס זאל חל זיין דערין א ברכה, גלייכצייטיג האט מען געוואלדיג גרויס שכר אויף יענע וועלט איינשליסנדיג וואס מען ווערט גערעטעוועט פון גיהנם, און לעתיד וועט מען לייכטן ווי די שטערן פון הימל (דניאל י״ב) און צוגאב ווערט מען פארעכנט פון די מזכי הרבים, וואס ווערן געשיצט פון הימל פון נסיונות און עבירות (אדר״נ מ, ג, אבות ה׳ י״ח, יומא פ״ז) און לויטן חובת הלבבות פ״ו שער אהבת השם באזיצט מען די העכסטע פאזיציע צו וועלכן דער מענטש איז באשאפן געווארן, ווייל ביי יעדן תפלין לייגן אדער יעדע רגע וואס די מזוזה ליגט אויפן טיר, און יעדע קריאה אין די ספר תורה האט דער סופר א חלק דערין, וואס קען זיך ציען סאך סאך יארן.

ו) פון אנדערן זייט דארף מען וויסן און געדענקען טאמער נעמט מען די גאנצע זאך גרינג, און די גאנצע קאפ גייט צו פארדינען שנעל און לייכט דעריבער פארקויפט מען פסול׳ע סחורה דאמאלט אויסער דעם וואס דאס געלט האט נישט קיין סימן ברכה, ווי אויבנדערמאלט, און מען פארברענט זיך די נשמה מיט די אייגענע הענט ערוווארטעט מען א פיל פאכיגע הארבע שטראף אויף יענע וועלט, און מען מאכט אים שווערקייטן פון הימל תשובה צו טאן (אבות ה׳ י״ח, יומא פ״ז, אדר״נ מ׳ ג׳), און די חכמים לערנען אונז אז דאס איז ערגער ווי הרג׳נן יענעם (רש״י פ׳ תצא ע״ש), אויסער אלעם נעמט מען דעם גרעסטן חלק פון אלע וואס זענען מבטל זייער גאנצן לעבן מצות תפלין און מזוזות, מיט כתיבת ס״ת און קרה״ת, צוליב דעם וואס זיי האבן זיך פארלאזט אויף זיין ערליכקייט

און תמימות, אזוי ארום אז מען וועט זיך פון שאול תחתית נישט ארויסזען, און אויך די וועלט וועט מען נישט לייכט אפקומען.

[אין איין וועג קען מען פשט זאגן אין די שווערע רייד פון די חז״ל (ברכות) וואס זאגן ״אז דער וואס לעבט פון אייגענע הארעוואניע איז גרעסער ווי א ירא שמים״, די אומפארשטענדליכע רייד, זענען אומצאליגע מאל שוין אויסגעטייטשט געווארן דורך די גאונים פון יעדן דור, און איך אלס הדיוט וויל אויך נעמען א חלק.

דער פשט קען זיין פשוט עס איז פארהאנען א מענטש וואס לעבט נאר פון הארעוואניע און שווייס צ.ב.ש. דער שיסטער, שניידער, טישלער, בעל עגלה, דאס געלט וואס די קונדן געבן אים איז ריין פאר די ארבעט נישט פאר עפעס אנדערש, קיינעם איז נישט קיין נפקא מינה מיט וואס פאר א מעטאדן און פלאנירונגען די זאכן זענען געמאכט געווארן, פון דער אנדערער זייט אבער דער וואס איז עוסק אין הייליגע ארבייט ווי צ.ב.ש. א סופר, מו״צ, שוחט, מלמד, א.ד.ג. דארט צאלט מען נישט בלויז פאר די ארבעט בלויז ווייל דער קונה וויל מקיים זיין די הלכה אין שו״ע (ל״ב, כ׳ ואחרונים) אז א סופר אדער שוחט מוז זיין א ירא שמים, מען צאלט עס אויך פארן יראת שמים פונעם סופר, און די ארבעט איז טאקע א שטארק איינגעשטעלטע ווי אויבנדערמאנט, דעריבער זאגן די חז״ל כאפ דיך נישט צו צו די הייליגע ארבייט, ווייל דער פשוט׳ער ארבייטער שטעלט גארנישט איין, ער האט זיך זיין עולם הזה און עולם הבא, דער סופר אבער מוז זיין פארזיכטיג (דער ארבייטער ווען ער נארט יענעם אפ, איז ער אבער יענעם נישט מכשיל מיט מבטל זיין מצות], דערפאר איידער מען לויפט צו דעם פאך זאל מען וויסן וואס עס שטייט אלס פאר. דאס מיינען די חז״ל אז דער וואס לעבט פון הארעוואניע איז בעסער ווי דער וואס לעבט פון זיין יראת שמים. (סופר״י כלל ב׳).

ז) מיט נאך געוויסע איינצעלהייטן איז שחיטות און סופרות מער קאמפליצירט ווי אנדערע אחריות זאכן, צ.ב.ש. איינער פאבריצירט א סארט עסנווארג אלס כשר, קען ער זיך אפשר פראבירן איינרעדן אז הגם עס איז נאר כשר בדוחק, אבער געקויפט איז שוין נישט טייטש לכתחילה למהדרין מן המהדרין, און דער וואס איז א שטרענגער מדקדק נעמט נישט אריין אין שטוב פארבריצירטע זאכן (דאס האבן מיר געהערט נישט איינמאל פון רבנים מכשירים, און כאטש לעומקו ואמיתו של דבר איז דאס נישט אויסגעהאלטן (כמבואר בספרי נפש ישעי׳ באורך), קען מען זיך לפנים אנכאפן דערין, ואכמ״ל ואי״ה עוד חזון למועד).

אבער ביי ס"ת, תפלין, און מזוזות, איז דאס אלעס נישט געזאגט געווארן, ווייל יעדער ווייסט און פארשטייט אז אפילו די שענסטע מדקדקים און מחמירים שחט'ן נישט פאר זיך, און שרייבן נישט תפילין כו' אליינס, דעריבער אז ער קומט צום סופר לאזן שרייבן מיינט דאס נאכנישט אז ער באגעניגט זיך מיט מהיכי תיתי, נאר יעדער זוכט לפום דרגא דיליה.

איז במילא זעלבסט פאר שטענדליך אז מען טאר נישט פארקויפן פארן מהדר און מחמיר, אזעלכע פרשיות וואס מען שטעלט זיך פאר אז ווען דער קונה זאל וויסן די פראבלעמען וואלט ער איבערגעלאזט קנין ומנין און זיך געלאזט גיט קאסטן אבי ער זאל קענען יוצא זיין די מצוה למהדרין מן המהדרין באמת.

## סימן ה

## מען דארף אויך שטארק געווארנט זיין ביי די אנדערע טיילן פון תפילין

א) מען דארף געווארנט זיין שטארק מיט די בתים, רצועות, גידין, קלפין, עורות, פארב, טינט, וואס ווערן פארקויפט ווייל טאמער איינס דערפון איז פסול, מעג מען צאלן פאר די איבריגע דאס גאנצע פארמעגן העלפט דאס גארנישט מען האט נישט יוצא געווען.

שטעלט אייך פאר איר זאלט נעמען די שענסטע פרשיות, וואס אליהו הנביא האט אויך עדות געזאגט אז שענער פון דעם איז נישט דא, און דאס ארויפבינדן אויף די האנט און קאפ אהנע בתים האט איר דען יוצא געווען?

ב) דאס זעלבע איר זאלט נעמען די שענסטע בתים מיט פרשיות און גידין, און ארויפלייגן אויף די האנט און קאפ אן די רצועות האט עס דען א מינדעסטע ווערט?.

ג) אדער ווען אלעס איז אפילו געהעריג, נאר די גידין מיט וואס די בתים זענען צוזאמגעלייט טויגן נישט, איז אלס אומזיסט, פונקט ווי אן אתרוג מהודר וואס איר האט אוועקגעצאלט הונדערטער דאללער, צוזאמען מיט א שיינעם לולב און הדסים משולשים, נאר ערבות פעלט!.

ד) דאס זעלבע מיט די ספר תורה אלעס איז פון שענסטן נאר דער קלף טויג נישט, אדער דער אויסארבייטן פון פארמעט איז נישט געווען ווי מען דארף, אדער די שרטוט (לינירן) אדער די גידין.

ה) על כן, דארף מען וויסן אז דאס יראת שמים מיט פארזיכטיגקייט וואס שטייט אז עס מוז זיין ביי א סופר מיינט אויך די אלע אנדערע ארבייט וואס פעלן אויס צום כשרות פון ס״ת, תפלין און מזוזות (כמבואר בטור ולבוש ושאר פוסקים) איז במילא אלעס וואס מיר האבן געשריבן פון סי׳ א׳ ביז דא און אויך ווייטער געזאגט געווארן פאר זיי פונקט ווי פאר די וואס שרייבן די תפלין.

ו) די דורות זענען געענדערט געווארן דעם געפיל אז דער עיקר איז דער שרייבער, ווייל אמאל האט דער סופר געטאן אלע ארבייט פון קויפן פעל ביזן פארנייען די תפלין (כמבואר עוד בראשונים עי׳ היטב בברוך שאמר או״ז, ר״י, ושאר ראשונים) במילא האט יעדער געוואוסט אז די אלע סארט ארבייט פארלאנגט זיך אויסשליסליך א סופר ירא שמים מאד, גארנישט ווינציגער ווי ביים שרייבן, פונקט ווי היינט וואס טראצדעם דאס יעדער ווייסט אז ס״ת איז הארבער ווי תפלין און מזוזות, זוכט מען נישט א העכערן סופר פאר ס״ת ווי פאר תפלין, ווייל עס איז זעלבסט פאר שענדליך אז דער וואס טראגט דעם טיטול סופר און פארמאגט די מעלות וואס א סופר דארף האבן איז איינציג גיט פאר אלעמען.

ז) אין די לעצטערע צייטן (מיר ווייסן נישט גענוי דעם דאטום) האט זיך אבער אלעס געטוישט אין די ארבייט איז צושניטן געווארן אויף מערערע טיילן:

א) איינער קויפט רויע הויט און פארזאלצט.

ב) איינער ארבייט אויס און מאכט פארמעט.

ג) איינער מאכט טינט.

ד) איינער מאכט שרטוט (די שורות).

ה) איינער מאכט גידין (צו פארנייען ס״ת, מגילה, בתים.

ו) איינער מאכט בתים.

ז) איינער מאכט רצועות.

ח) איינער מאכט פארב.

ט) איינער שרייבט די פרשיות.

י) איינער איז מגיה די פרשיות (מנהג א״י איינער שרייבט, איינער איז מגיה).

יא) איינער נעמט צוזאם די פרשיות מיט בתים און רצועות און גידין און פארטיגט אלעס אפ. ביי בתים אליינס, איז די גרעסטע פראצענט היינט צו טאג, צוטיילט די ארבייט אויף פארשידענע טיילן, צ.ב.ש.:

יב) איינער מאכט דעם פארעם.

יג) איינער פרעסט.

יד) איינער מאכט שין׳ס.

טו) איינער ענדיגט דעם ריבוע.

יב) די אלע זאכן זענען פארשטענדליך נישט קיין כלל, אמאל קען זיין צוטיילט אויף מער חלקים אויך אבער ווייניגער זענען זעלטן און ווען יא נאר מיט געציילטע זאכן ווייניגער, דעריבער איז דער המון אינגאנצן צוטומלט געווארן און פארלארן דאס גלייכגעוויכט, אזוי ארום האט מען זיך איינגעלעבט אז דער עיקר יראת שמים דארף באזיצן דער שרייבער, וואס ער איז פארבליבן מיטן טיטול סופר און די איבריגע זענען פטור!

אבער א בר דעת פארשטייט אז נאכדעם ווי דער פמ״ג און אנדערע פוסקים ברענגען ארויס דעם טעם פארוואס א סופר מוז זיין א ירא ש ווייל די קיום המצות מיט ברכות לבטלות זענען אפהענגיק אין דעם, און נישט בלויז ווייל די ארבעט איז שווער, און די אנדערע חלקים זענען גרינג, ווייל די נסיונות קענען זיין אמאל שווערער ביי די אנדערע טיילן (ווי דער פראקטיק צייגט היינט צו טאג) במילא דארפמען פונקט אזויפיל יר״ש אויך אויף אלע אנדערע ארבייט, ווייל אויך אין זיי איז אפהענגיק די כשרות פון ס״ת, תפלין, מזוזות ווי אויבנדערמאנט (אר׳ א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ ע״ש).

סימן ו

# סוחרים סתם

א) די אלע סוחרים וואס האנדלען מיט די זאכן סיי די וואס פארקויפן פרשיות, בתים, רצועות, פארמעט, א.ד.ג. טראגן אויך דאס אחריות פונעם כלל ישראל אויף אלעם וואס זיי פארקויפן און אויך זיי קענען זיין אדער פון די מזכי הרבים אדער פארקערט דעריבער ליגט אויף זיי די פולע אחריות צו מאכן אלע חקירות וואס פאר א סחורה׳ זיי נעמען אריין צום פארקויפן, און וואס זיי פארקויפן, טיילמאל קעןביים סוחר נאך זיין מער פראבלעמען ווייל א סופר קען שנעלער באמערקן אויב עפעס טויג נישט און א סוחר ווייס נישט בין ימינו לשמאלו.

דער סופר פארשטייט וואס פארא חששות מיט מכשולות קען זיין ביי די זאכן אבער א סוחר (מוכר ספרים, א.ד.ג.) אפילו א יר״ש פארשטייט נישט פון

וואס מען דאף געווארנט זיין מיט אלע הערמות און שווינדלערייען וואס גייט פאר ביי די אלע זאכן פול אנדערש ווי ביי די סופרים וואס ליגן אין די זאכן מיטן גאנצן לייב און לעבן.

ב) דעריבער קומען מיר צו די החלטה אז פון א סוחר טאר מען אויך נישט קויפן נאר א ירא"ש מאד, פונקט ווי א סופר, און נאר אויב ער ווייס זיכער אויף הונדערט פראצענט ווער עס האט דאס געשריבן, (דאמאלטס זאל דאס זיין ביים קונה ווי ער וואלט דאס געקויפט ביי יענעם,) און אויך יענער איז א סופר ירא שמים מאד לויט ווי ער ווייסט, פונדעסטוועגן זאל ער זיך נישט פארלאזן נאר איידער ער נוצט דאס ווייזן פאר א סופר מומחה ויר"ש. אויב מעגליך ביי א סופר וואס דערקענט לויטן כתב ווער דער סופר איז.

ג) גלייכצייטיג האט דאס נאך א פעלער ווייל ווען מען קויפט פון א ערשטע האנט דאן קען מען אויספרעגן אלע איינצעלהייטן, ווי צ.ב.ש. אויב עס איז בדיעבד, לכתחילה, מן המובחר, וואס ווי פארשטענדליך קען מען דאס נישט נאכקומען ווען מען קויפט ביי א צווייטע אדער דריטע האנט.

סימן ז

## וויכטיג פאר'ן יחיד — אויסזעהן פון א סופר יר"ש

א) דער ספר חסידים שרייבט (סי' ס"ה) דער פסוק וצדקתו עומדת לעד, מיינט, דער וואס איז א מזכה הרבים צ.ב.ש. דער וואס לערנט מיט יראי השם וויאזוי צו מאכן תפלין, זיי זאלן קענען שרייבן פאר אנדערע (א"ר ל"ב ל"ז מ"ב שם).

ב) דער סופר זאל זיין א ג־ט פארכטיגער וואס קערט אפ פון שלעכטס, און ציטערט אויף א ווארט פון באשעפער, כדי אז וואס ער שרייבט און טוט זאל זיין באוויליגט פאר השי"ת (כה"ח למהרח"פ י' כ"ג).

ב) א סופר דארף זיין בקי אין הלכות ס"ת (יור"ד סימן רפ"ה) תפילן (או"ח ל"ב-ל"ו ל"ט) מזוזות (יור"ד סי' ער"ה-רצ"ב), מיט אלע אחרונים, (שלחן שלמה לב, א, מלאכת שמים כלל א').

ג) יעדער מענטש דארף געווארנט זיין די תפלין זאלן זיין געהעריג, און צו קויפן פון א סופר וואס איז א אויסער געווענליכער מומחה (ספעציאליסט), א בעל תורה, וואס ער קען אים אלס ירא שמים, און וואס פרעמד געלט איז טייער

בײ אים, און ער מוז זײן א גדול עכ"פ, אבער אזוי ווי רוב סופרים לערנען נישט און גלײכן צו אײן זאך צו די אנדערע, וואס קען זײן אז עס איז נישט עפ"י הלכה, דערפאר פיר איך זיך שטענדיג, אויסצונעמען מיטן סופר, ער זאל מיר שרײבן תפלין, נישט אויפהײבנדיג א אײזן איבער די פרשיות, דאס מײנט ער זאל נישט מעקן, אדער קראצן קײן שום אות, און אזוי דארף מען טאן, אויך דארף מען גיט דורכקוקן די פרשיות אײדער מען לײגט זײ ארײן אין די בתים, ווײל איך האב שוין געזען אסאך שטרויכלונגען מיט מײנע אויגן (ח"א כלל י"ז, א'), דער מ"ב (סי' ל"ב) שרײבט אז אויסער אלע עבירות קומט נאך צו גזל וואס מען נעמט געלט פאר פסול'ע פרשיות.

ד) די הײליגע ווערטער פון ח"א ווארפן א ליכט וויאזוי מען טרעט צו תפלין כו' קויפן, דער סופר דארף זײן א ירא שמים, און א בעל תורה, א ירא שמים, און וואס פרעמד געלט איז טײער בײ אים, און א גדול עפ"י תורה (בײ אכצן יאר קען ער זיך פארלאזן אז מסתמא איז ער א גדול, ח"א שם).

דאס מײנט אז אײדער מען איז געזיכערט אז דער סופר באזיצט די פינעף פונקטן זאל מען נישט אנהײבן מיט אים.

ה) אינטערעסאנט און מערקווירדיג איז דער אויספיר פון ח"א, אז רוב סופרים זענען נישט קײן לומדים, און זענען אלײן מחדש הלכות וואס קען זײן נישט אויסגעהאלטן, דעריבער פלעגט ער זיך אויסנעמען מיטן סופר נישט צו קראצן, אט זעט איר אז דער ח"א זאגט עדות שוין אויף זײנע צײטן אז רוב סופרים טויגן נישט! וואס זאלן מיר שוין זאגן?

ו) דער קלימאקס וואס מיר טוען ענטנעמען פון דארט אז דער בעל ח"א אלײנס נאכדעם וואס ער האט זיך אויסגעקליבן א סופר מיט אלע פיטשיווקעס דהײנו, ת"ח, יר"ש, מומחה, נישט קײן געלט מענטש, און מסתמא פון דעם סארט אלײנס דעם בעסטן וואס ער האט געקענט טרעפן, און פון דעסטוועגן האט ער זיך נישט בארוהיגט ווילאנג ער האט זיך אויסגענומען מיטן סופר, ער זאל נישט צורירן מיט א אײזן).

ז) דעריבער זאל קײנער נישט געזיכערט זײן נאר טאן וויפיל ער איז בכח, מיר ווילן אויך מוסיף זײן א פראקטישע עצה, מען זאל בעטן דעם סופר נישט צו טשעפען מיט א אײזן די פרשיות ווי דער ח"א זאגט, און נאכדעם ווי דער סופר האט פערטיגט אן אות אן אנגעהויבן א צווײטן זאל ער נישט צוריקגײן צו א פריערדיגן אות, און נאכן פארטיגן טראגט מען עס בודק זײן צו א צווײטן סופר

(עס קען זיין א מעלה צו דערציילן פארן בודק די תנאים וואס ער האט זיך מתנה געוועזן מיטן סופר).

**דער פאטענט ראטעוועט פון ערנסטע חששות ווי חק תוכות, כסדרן, שאלה שהורה בה חכם, און נאך.**

ח) בכלל איז א אומשאצבארע מעלה דאס געבן באקוקן פאר א צווייטן סופר, ווייל אומווילנדיג האט דאך דער שרייבער א נגיעה עס זאל זיין כשר, איבער אלעם איז דער מענטשליכער נאטור אז א שריפט וואס מען ליגט דעריין האט מען נישט צופיל געדולד שטאטליך מגיה זיין, דערפאר זאל מען נישט קארגן די פאר דאלער פארן בודק.

ט) מיר ווייסן פון פארשידענע עובדות ווי דער סופר יר"ש ומומחה האט פארזיכערט פארן קונה אז ער האט דאס געלאזט מגי' זיין אזוי ווי מען דארף, און מער פעלט נישט אויס, און עס איז נאכדעם נאך געפינען געווארן טעותים וואס פסל'ן אפילו בדיעבד, דערפאר האלט דאס נישט גרינג!

י) מען דארף קויפן פון א סופר מומחה ויר"ש, בחים מיט רצועות (און אנדערע טיילן וואס פעלט אויס פאר די תפלין) יעדער יר"ש זאל זיך באטראכטן אויב אוף די מלבושים גיט מען אכטונג עס זאל זיין געהעריג כל שכן ביי מצוה זאכן זאל מען אודאי נישט שפארן און שוינען דאס געלט, נאר מען זאל נאכגיין און קויפן דאס וואס איז זיכער כשר, אפילו דער פרייז איז הויעך, און בעוה"ר איז דער מכשול זייער גרויס דורכדעם וואס מען קויפט תפלין און רצועות פון וועמען עס לאזט זיך ווייל זיי פארקויפן ביליג און די זענען טאקע פסול (קש"ע סי' י' א').

דאס דארף יעדער פארשטיין אז צו ווען זיין א שיינער איד און האבן די חשוב'סטע תפלין, פאר ביליג, איז א קאנטראסט, איינס מוז מען נאכלאזן אדער דער הידור פון תפלין אדער מיט געלט געבן.

און דאס ווארנט אונז דער תנא, והוה מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, דאס מיינט, פארקוקט די פאר דאלער וואס דו צאלסט מער פאר חשוב'ע תפלין פון אנדערן זייט באקומסטו מער שכר אין הימל פאר יעדן הידור. (סופרי ישראל כלל ב').

יב) מען דארף אבער פארזיכטיג זיין און זיך נישט פארלאזן בלויז אויף דעם וואס די תפלין זענען טייער אז דאס ווייזט די חשיבות פון די תפלין, **נאר קויפן אלעס דורך א סופר מובהק, ומומחה, ומפורסם, ויר"ש. (שם).**

יג) יעדער איד דארף געווארנט זיין אין די גרויסע מצוה פון תפלין, און ער זאל נאכגיין נאך א סופר ירא שמים, און שיינע מהדור׳דיגע תפלין, און ער זאל געדענקען אז נישט יעדן טאג און נישט יעדעס יאר קויפט מען תפלין, נאר אויף מערערע יארן, און וויאזוי קען מען קארגן דאס ביסל געלט אויף אזא געוואלדיג גרויסע מצוה, וואס געדויערט מערערע יארן (ערוה״ש ל״ז, א׳).

## סימן ח

## הידור מצות תפילין — מזוזה

א) מ׳דארף מהדר זיין עס זאל זיין שיינע פארמעט, שיינע טינט, שיינע פעדער, שיינע שריפט, און א סופר מומחה (שבת קל״ג, מרדכי בהלק״ט ה׳ תפלין).

ב) די באדייטונג פון ״שיין״ ווען עס ווערט דערמאנט ביי א מצוה מיינט צוערשט עס זאל זיין ווי שטארקער אויסגעהאלטן מצד די הלכה (עי׳ היטב באו״ח סי׳ תרנ״ו — שו״ת חת״ס ח״ו סי׳ מ״ג — אבני נזר — או״ח תפ״ד — חי׳ חת״ס סוכה לו., זכרון יהודה, מהר״ם שיק, או״ח רצ״ב, ח״ב סי׳ רי״ט, אמרי שפר ר״י כלל ב׳ בהג״ה, דערפאר זאל מען זוכן די **שענסטע פארמעט** — להלכה, און נאכדעם אויך פון אויסזעהן.

**טינט** וואס איז שיין להלכה — דאס מיינט כשר, און דויערהאפט וואס האלט.

**שיינע שריפט** — די מערסטע אויסגעהאלטן להלכה, און נאכדעם אויך שיין בעצם.

**סופר מומחה** — דאס מיינט יראת שמים, ערליכקייט, און עקספיריענסד, ווייל (לויט ווי סופרים געבן איבער) קען זייער לייכט פאסירן ביי דעם גרעסטן ירא שמים ער זאל אומווילנדיג דורכפאלן מיט א ערנסטע זאך, ביז ער איז צוגעוואוינט צו די מלאכת הסופרות.

(כל הנ״ל משו״ת אור ישרים או״ח סי׳ ט׳, ע״ש).

ג) מען זאל געווארנט זיין צוליב כבוד פון מצות תפלין נישט אנכאפן די רצועות און לאזן די תפלין הענגן, נאר אנכאפן דעם בית מיטן קשר צוזאם און מסדר זיין דעם בית אויף זיין פלאץ און דעם קשר אויף זיין פלאץ. (חסל״א א׳, מט״י או׳ ב׳, שתילי זיתים או׳ א׳ בסי׳ מ׳).

ד) שיינע תפלין קומט פאר א שיינע טלית, די וועלט ווייסט נישט פון דעם (סי׳ כ״ה במ״ב סק״ב, ברכ״מ סק״ט, שלח״מ סי׳ י׳).

ה) אויב מען וויל אויסגעבן געלט צוליב א הידור מצוה, און די תפלין ומזוזה זענען הונדערט פראצענט כשר אהן דעם אויך און עס איז דא א ארימאן וואס האט נישט קיין תפילין איז ער מחויב נאכלאזן פון זיין הידור מצוה כדי יענער זאל קענען מקיים זיין די מצוה סתם (מ"א סי' תע"ב סק"י בשם הרמב"ן, ומ"א תרע"א סק"א, חתן סופר שער הטוטפת שער י"ח).

ו) מען זאל מקפיד זיין צו באצאלן פאר די מצוה נישט טוהן בחנם (זוה"ק תרומה, אגד"פ שי"ג).

ז) דער וואס קען באצאלן און נעמט תפילין במתנה באקומט נישט קיין שכר דער פאר (שד"ח מע' מ' כלל קצ"ח, ע"ש), און ער טאר נישט א ברכה מאכן לויט טייל פוסקים (שד"ח, שם).

ח) אויב עס מאכט זיך א סיבה צו ניצן יענעמ'ס טו"ת מעג מען א ברכה מאכן (שד"ח שם).

ט) עס איז א הידור מצוה זיך נישט צו דינגען אויפן פרייז (חרדים בריש ספרו, ושד"ח שם).

י) יעדער ירא שמים זאל זיך גיט איבערקלערן אויב אויף זיינע מלבושים און כלים איז ער מהדר עס זאל זיין געהעריג כל שכן ביי מצוה זאכן זאל ער נישט קארגן אויף געלט, נאר מהדר זיין צו קויפן די וואס זענען זיכער כשר, אפילו זיי זענען זייער טייער, און אכטונג געבן זיי זאלן זיין געהעריג און שווארץ (קש"ע סי' י' אות א').

יא) לכתחילה זאל מען קויפן פרשיות פון א סופר וואס שרייבט און טוט אלעס מיט זיין רעכטע האנט (עי' כה"ח סי' ל"ב ס"ק ל"א, ומשנ"א סי' ט"ז).

יב) מען דארף צוזאמלייגן די תפילין באלד נאכן אויסטוהן, נישט איבערלאזן אומצוזאמגעלייגט, ווייל דאס איז א בזיון פאר די תפילין (עי' שלחה"ט קאמארנא סי' כ"ח דבזידיטשוב היו קונסין המניח כך, ע"ש).

## סימן ט

## סופר כשר ויר"ש

א) א ערליכער איד האט געגעבן אייגן־געמאכטע פארמעט (קלף) פאר א סופר ער זאל אים אפשרייבן א סידור אין פון ווען ער האט אנגעהויבן דאווענען אין דעם האט מען אפגעשפארט די טויערן פון הימל פאר אים.

האט אים א חכם געזאגט אז די סיבה דערפון איז, ווייל דער סופר האט אינזינען געהאט ביים שרייבן זאכן וואס מען טאר נישט. (ס"ח סי' רמ"ט דאין קטיגור נעשה סניגור, וע"ע מ"ש החיד"א בעין זוכר מע' א' אר' ע"ט בענין סידור שהדפיס עכו"ם, ובעיקרי הד"ט או"ח סי' ח').

ב) א צדיק האט זיך נישט געוואלט אראפזעצן אויף דער פלאץ ווי עס איז געזעסן א סופר וואס האט זיך געמאכט ווי א צדיק און ער איז נישט געווען.

און ער האט אויך נישט געוואלט נוצן זיין טינט אין פעדער, אדער דאווענען אין דעם סידור וואס ער האט געשריבן (ס"ח תשע"א דאין קטיגור נעשה סניגור).

ג) מען זאל געווארנט זיין אז דער סופר זאל זיין א ג־טס פארכטיגער, וואס קערט אפ פון טוהן עבירות (היותר אפשר למצוא) אין ציטערט מקיים צו זיין די רייד פון השי"ת, כדי אז די מצוה פון תפלין וואס ער איז מקיים זאל אנגענומען ווערן פאר השי"ת.

סאך אסאך מעלות איז דא צו א סופר וואס ווייסט און פארשטייט וויאזוי צו באגיין זיך מיט הימלדיגע ענינים (מיינט מצות) און פירט זיך מיט קדושה (הייליג) (כה"ח למהרח"פ סי' י' אר' כ"ג).

ד) אויב מ'האט געטראפן אז די תפלין זענען פסול דארף ער האבן גרויס כפרה אויב ער האט דאס נישט געקויפט ביי א הונדערט פראצענט פארלעסליכן מענטש (שלח"מ סי' י' הלל"מ אר' י', ועי' שלום ואמת אר' ל"ז).

ה) איינער וואס האט משיג גבול געווען דעם חבר טאר נישט זיין א סופר ווייל א רשע קען נישט הייסן א אדם כשר ויר"ש (שו"ת הגר"ז סי' ט' דכ"ת סי' א' ס"ק רי"א).

ו) א סופר וואס האט געגנב'ט טייל זאגן אז ער איז כשר צו שרייבן (ברכת יוסף סי' א') אנדערע פוסקים פסלין (שו"ת תשורת ש"י סי' מ"ד).

ז) א סופר וואס גייט בערכאות (גוי'שע געריכט) איז פסול (ש"ע הגר"ז סי' ל"ב אר' ז', בית אהרן במשנ"א סי' ח"י סעי' י"ט).

ח) א סופר וואס האט ארויסגעגעבן בתים און די הארלעך שטייען נישט ארויס, טאר מען נישט א ברכה מאכן אויף די תפלין ווילאנג מען איז בודק דעם סופר אויב ער איז א מומחה און איז נישט מזלזל אין דיני תפלין (שו"ת כנף רננה או"ח סי' צ"ג).

ט) א מסור אפילו איין מאל איז פסול צו שרייבן תפלין (סי' ל"ט ופמ"ג שם).

י) אפילו אויב ער האט נאר געזאגט ״איך וועל מסור׳ן איז ער פסול צו שרייבן (שע״ת משנ״א סי׳ ח״י סעי׳ כ״ב וע״ש בדין דיעבד ושעהד״ח).

יא) א סופר וואס מען האט געטראפן אז ער טויג נישט, די תפלין ומזוזות וואס ער האט געשריבן נאכדעם טוען טייל פוסקים פסל׳ן אפילו מ׳טרעפט גארנישט אינעווייניג (בית יצחק יור״ד ח״ב סי׳ ק״ה אות יט).

יב) א סופר וואס האט עובר געווען אויף יחוד דארף מען אכטונג געבן פון זיינע תפלין ומזוזות (שו״מ תליתאי ח״א סי׳ צ״א).

יג) דער ס׳ אלדד הדני (הביאו במרדכי ריש חולין) השוחט ששחט בלי טבילה פסל׳ט א שוחט וואס שעכט אהנע טובלען, איז אוודאי אזוי ביי א סופר (וכמ״ש החיד״א בס׳ תורת השלמים דנאה לסופר הטבילה תמידית, ועוד הלא שחיטה הוא דבר הרשות כמבואר במ״א ריש סי׳ ח׳, וכן בדכ״ת סי׳ א׳ סק״א דא״צ להביא עצמו לקיום מצוה זו עאכו״כ דלא די שהוא מצוה חיובית אולם עדיפותא אית לי׳ גם ממצוה שגוף הקדושה הוא ותשמישי קדושה חמורין מתשמישי מצוה, ובפמ״ג דהסופר צריך להיות יותר ירא״ש משוחט, וכיון שכן כ״ש דצריך ליזהר בטהרה יותר משוחט, וע״ע מ״ש בקסה״ס סי׳ א׳ בלשכה או׳ א׳ וז״ל: והנה השמלה חדשה כ׳ בדיני השוחט שצריך השוחט שיהי׳ יודע ספר דהיינו ללמוד מעצמו ולהבין בקצת גמ׳ עם פירש״י שאז י״ל לב מבין להזהר בדרכיו שיהיו מתוקנים, וכן יש ליזהר גם בסופר, עכ״ל. — כ״ז מס׳ סופרי ישראל פ״ג).

יד) א סופר זאל נישט פארעכטן א ספר תורה צום לייענען ווען ער האט אן די תפלין (פתה״ד, וכה״ח סק״ג).

טו) דער סופר וואס איז בודק די תפלין איז מחויב מתקן צו זיין אויך וואס דער ערשטער האט נישט געמאכט (שו״ת יד יצחק ח״ג סי׳ רי״א אות ב׳).

טז) מצות תפלין איז זייער א חשוב׳ע גרויסע מצוה און עס ליגט אין די האנט פון סופר דאס מקיים צו זיין אזוי ווי מען דארף, אדער ח״ו מבטל צו זיין (מלאכת שמים כלל א׳).

יז) די סופרים זענען מחויב אנצוזאגן פאר זייערע קונים, און די מלמדים פאר די תלמידים זיי זאלן זייער געווארנט זיין און אנטוהן די תפלין אויפן קאפ אז קיין פיצעל פון די תפלין זאל נישט ארויסשטיין פון די האר (שם).

יח) ווי שלעכט און ביטער איז דאס וואס סופרים שרייבן ס״ת — תפלין — מזוזות און זענען נישט קלאר אין די הלכות און זענען נישט קיין מומחים (ספעציאליסטן) אין שרייבן, מיט אנדערע הייליגע ארבעט וואס געהער דערצו.

ווייַ ווי ביטער און שלעכט איז פאר זיי וואס ברענגען שלעכטס אויף זיך און אנדערע, זיי זענען מבטל די׳ קונים פון מקיים זיין מצות תפלין, דאס איז אכט מצות עשה יעדן טאג, זענען גורם ברכה לבטלה, און מען זאל לייענען קר״ש אהנע כשר׳ע תפלין יעדן טאג.

און זענען אויך מבטל די געהויבענע מעלות וואס מען איז קונה דורך מצות תפלין, ווייל נאר כשר׳ע תפלין וואס זענען געשריבן און געמאכט לויט די פארשריפטן פון די תורה טוען אויף די אלע געוואלדיגע זאכן נישט פסול׳ע תפלין, וואס הייסט נישט קיין תפלין.

דאס זעלבע ביי מזוזות זיי נעמען אוועק פון קונה צוויי מצות עשה שטענדיג, און ברענגען אויף יענעם דעם שטראף וואס קומט פאר דעם וואס איז מבטל מצות מזוזה, און גזל׳ן פון אים אוועק דאס גוטס וואס די תורה הק׳ האט צוגעזאגט ״למען ירבו ימיכם וימי בניכם״ (מלאכ״ש שם).

יט) נאך א גרויסע פארברעך טוען די פסול׳ע סופרים זיי נעמען געלט באיסור ווייל זיי באקומען געלט פאר כשר׳ע תפלין ומזוזות און זיי געבן פסול׳ע איז דאס געלט במילא געגאנבעט ביי זיי, דאס איז גזל הרבים וואס מען קען נישט צוריקגעבן (מלאכ״ש כלל א׳ או׳ א׳).

כ) די סופרים דארף מען זייער שטארק ווארענען זיי זאלן זיך פירן מיט קדושה און טהרה, חסידים, און אנשי מעשה, און ח״ו נישט מקיל זיין, ווייל ער שפילט מיט זיין לעבן (משנ״ח סי׳ רכ״ח).

כא) דער וואס שרייבט כשר׳ע גוטע תפלין איז זיין שכר מורא׳דיג גרויס (א״ר סי׳ ל״ב ס״ק ל״ז).

כב) דער וואס לערנט מיט ערליכע תלמידים סופרות איז א מזכה הרבים (ס״ח סי׳ ס״ה).

כג) די סופרים זאלן שטענדיג חזר׳ן אלע דינים פון שרייבן ס״ת, תפלין, מזוזות, זיי זאלן גוט קלאר און גרונטליך פארשטיין אלעס, און געדענקן דאמאלטס וועלן זיי זיין מזכי הרבים (מלאכת שמים כלל א׳ או׳ א׳).

כד) דער ס׳ ברוך שאמר שרייבט: מען זאל שרייבן גוטע גאנצע אותיות נישט צובראכענע שטאַט מיט גרויס כוונה, און מען זאל זיך נישט צו איילען מיטן שרייבן כדי צו פארדינען אסאך געלט ווייל דאס געלט וועט סייווי פארלארן גיין און זיין נשמה אויך (א״ר סי׳ ל״ב ס״ק ל״ז).

כה) יעדער וואס שרייבט ס"ת, תפלין, ומזוזות גוטע כשר'ע לויט זיין מעגליכקייט איז זיין שכר פילפאכיג גרויס, און ער איז פטור פון גיהנם (לבוש סי' ל"ב, דיני תפלין למהר"א, מלאכ"ש שם, קסה"ס סי' א' אר' א', משנ"א סי' ח"י).

כו) מען דארף שטארק ווארענען די סופרים און שטראפן אז זיי זאלן נישט טוהן קיין שום תיקון דארך א פרוי אדער קינד [אינטער בר מצוה], (קסה"ס סי' א' אר' ג').

כז) אלע מורי הוראות פירן זיך נישט צו געבן רשות פאר קיין שום מענטש עוסק צו זיין אין סופרות אין זייער גרענעץ נאר פאר מענטשן וואס זיי קענען אלס ג־טס־פארכטיגע, ציטערן פאר א זינד, און זענען קלאר באקאנט אין אלע חלקים וואס געהער צו די מצוה (מלאכ"ש כלל א' אר' ד').

כח) די סופרים זאלן אכטונג געבן נישט צו מאכן גאר קליינע תפלין ווייל עס איז כמעט נישט מעגלעך אז דער כתב זאל זיין כדין, און אפילו אויב יעצט איז עס כשר וועט עס אבער נישט האלטן לאנג (מלאכ"ש כלל ח"י אר' ט"ז, קסה"ס סי' כ"א אר' ז').

כט) דער סופר זאל האבן א אפגעזונדערט חדר צום שרייבן כדי מען זאל אים נישט שטערן (קסה"ס בלשכה סי' ד' אר' א').

ל) איידער דער סופר הייבט אהן שרייבן זאל ער מתודה זיין, זאגן "אנא בכח" מיט א קורצע תפלה (שם).

לא) מ'טאר נישט שרייבן נישט ווען מען דרימלט, און נישט אויב מ'האט געטרינקן א משקה וואס מאכט שיכור (או"ח סי' ל"ב סעי' י"ט, מלאכ"ש סוף כלל כ"ה, קסה"ס סי' ד' אר' ב').

לב) בעוה"רליידער קוקט מען נאר אז די בתים פון אויבן זאלן זיין פונקט קווארדאט און מען מאכט זיך נישט וויסנדיג אויף די תפירות (ארומגענייעכץ) און די תיתורא (גרונט) מ'דארף אבער זייער אכטונג געבן אויף די אלע דריי זאכן, זיי זאלן זיין פיער קאנטיג (אייניג די לענג מיט די ברייט), דאס מיינט: די אויבערע פון די בתים — די אונטערע טייל וואס ליגט אויפן קאפ אדער האנט — און די ניי פאדים ארום און ארום.

ווייל אויב זיי זענען נישט פינקטליך אייניג די לענג און די ברייט זענען די תפלין פסול, און דער וואס לייגט זיי איז מבטל מצות תפלין און ער מאכט ברכות לבטלה, דערפאר דארף דער סופר זייער אכטונג געבן אויף דעם.

לג) דער פעדער וואס מען שרייבט מיט איר ס"ת, תפילין, מזוזה, דארף מען אכטונג געבן עס זאל נישט אראפ־פאלן אויף דער ערד (ס"ח סי' תתצב).

לד) דער פעדער זאל זיין געמאכט לשמה (בית אהרן סי' ח' ס"ב, משנת אברהם סו"ס י"ד).

לה) אויב מען קראצט אפ דעם פעדער איר צו פארעכטן זאל מען נישט לאזן די שטויב אראפ־פאלן אויף דער ערד (משנת אברהם סי' י"ד סעי' ד').

לו) מען זאל זיך נישט קראצן מיטן פעדער (ס"ח תתצ"ג־ד, משנ"א שם).

## סימן י

## געקליבענע וויכטיגע ענינים וועגן תפלין ומזוזות (וס"ת)

א) דער וואס איז נישט מקיים במזיד מצות תפילין טאר מען אויך נישט רעכענען צו מנין (שו"ת פרהש"ד ח"ג סי' ג' — שו"ת זכרון יהודה או"ח סי' ד').

ב) געגזלטע תפלין טאר מען נישט קיין ברכה מאכן, און מען האט נישט יוצא געווען מיט זיי מצות תפלין אפילו בדיעבד (מ"ב סי' כ"ה ס"ק נ"ד).

ג) עס האט פאסירט איינער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קלערנדיג אז אינטערוועגנס וועט ער זיך אפשטעלן דאווענען אין א ביהמ"ד און דארט וועט ער טרעפן טלית־ותפלין, ביזדערווייל האט פאסירט א אונס אין ער האט נישט געקענט לייגן טלית־ותפלין.

האט דער חכם געפסק'ט ווייל ער האט געדארפט מיט־נעמען טו"ת און ער האט דאס נישט געטוהן, זאל ער זיך אויסלייזן מיט צדקה און קויפן תפלין פאר א ארים יונגל וועט אים השי"ת פארגעבן.

ד) דער וואס האט געקויפט תפלין פון א סוחר, נאכדעם איז ער געוואר געווארן אז עס איז געגאנבעטע סחורה, זאגן טייל פוסקים אז ער האט נישט יוצא געווען, און טייל זאגן אז יא (פת"ע סי' כ' בשם שנות חיים למהרש"ק דלא יצא — וע"ע בשלח"מ דף רפ"ג, באורך).

ה) אויב די תפלין זענען געפונען געווארן אז זיי זענען קיינמאל נישט געווען כשר, דארף דער סופר צוריקגעבן דאס געלט, אדער געבן אנדערע כשר'ע פרשיות (שלח"מ סי' י' הלל"מ או' א').

ו) אויב די תפלין זענען בלויז כשר אבער נישט מובחר'דיג אפילו ער בעט ביליגער איז ער מחויב צו זאגן פארן קונה, און אויב ער האט נישט געזאגט און

דער קונה איז שפעטער א צייט געוואר געווארן מעג ער חרטה האבן פון געשעפט (תשובת תשורת ש"י סי' ת"ה).

ז) אויב איינער האט געגעבן פרשיות פאר א סופר, בודק און מגיה צו זיין און דער סופר האט געמאכט א נגיעה און דורכדעם געפסל'ט די תפלין (אדער מזוזה, וס"ת) איז דער סופר מחויב צו באצאלן.

אויב עס איז נישט אינגאנצן פסול געווארן, עס איז כשר בדיעבד איז ער נישט מחויב צו באצאלן (שלח"מ דף רצ"ב).

ח) אויב איינער האט געגעבן אייגענער פארמעט (קלף) פאר א סופר ער זאל אים שרייבן און דער סופר האט מקלקל געווען אז עס איז פסול אפילו בדיעבד, דארף אים דער סופר באצאלן דעם פארמעט (שם).

ט) אויב ער האט באשטעלט פרשיות ביים סופר און עס האט א פקפוק דארף ער עס נישט אננעמען (שו"ת קרל"ד או"ח סי' ח').

י) אויב דער קאפ דארט ווי די תפלין דארפן ליגן איז שמוציג דארף מען עס גיט אפוואשן פארן תפלין לייגן (של"ה, שע"ת, מ"א, מ"ב סי' כ"ה, ובכה"ח ס"ק ט"ז-יז).

יא) די וואס באדן אדער טובלן זיך נאנט פארן דאווענען זאלן גיט אפווישן דעם קאפ וועגן חציצה (ברכ"י סי' כ"ה, ליקו"מ ה' תפלין).

יב) די וואס לאזן וואקסן גרויסע האר טשופרינע'ס (בלורית) אויסער דעם איסור דערפון איז דאס א חציצה ביי תפלין (מחה"ש, ופמ"ג סי' כ"ז, וקש"ע סי' י' או' ו').

יג) דער טלית מיטן תפלין בייטל טאר נישט זיין פון שעטנ"ז (כה"ח סי' כ"ח ס"ק ט"ז).

יד) טייל מאכן דעם טלית ותפלין בייטל פון קעלבערנע פעל (עור עגל) אלס אנדענק אז די תפלין זענען מכפר אויפן עגל (שלח"מ סי' י' או' רמ"ג)

טו) מען דארף לאזן בודק זיין די תפלין צוויי מאל אין זיבן יאר, (סי' ל"ט, קש"ע סו"ס י').

טז) ערליכע אידן מדקדקים זענען בודק יעדן חודש אלול (מט"א תקפ"א, קש"ע קכ"ח, ומקורו במכילתא פ' בא ספי"ז).

יז) אויב די תפלין זענען אריינגעפאלן אין וואסער דארף מען זיי בודק זיין (סי' ל"ט מ"א ס"ק ט"ז, קש"ע סו"ס י').

יח) דער וואס האט איבערגעלאזט זיינע תפלין נעבן א אויוועו אדער בראט רעה״ר, אדער איבערגעלאזט אינטערן זין אדער אנדערע הייסע פלעצער, און עס דערקענט זיך אז די היץ האט געהאט א ווירקונג אויף די בתים ווייל זיי זענען געווארן געשוואלן, אדער די פארב שיילט זיך (נקלף) דארף מען עס לאזן בודק זיין (שלח״מ סו״ס י׳).

יט) ווען איינער איז אין א עת צרה פון זיך אדער די משפחה ח״ו זאל ער לאזן בודק זיין די מזוזות און תפלין (עי׳ ספרי על ה׳ מזוזה בשם הפוסקים).

כ) די הייזער וואס האבן פסול׳ע מזוזות, אפילו דער קונה איז נישט שולדיג מ׳האט אים אפגענארט שטייען אהנע שמירה (משנת חכמים סי׳ רכ״ז).

כא) אפילו אויב די מזוזה איז כשר, אויב עס איז נישט ארויפגעשטעלט געווארן ווי מ׳דארף איז די שטיב אהנע שמירה (רש״י מנחות לב: ד״ה סכנה).

כב) מ׳טאר נישט קויפן קיין ס״ת, תפלין, מזוזות, פון גוים פאר מער פון זייער ווערט כדי נישט צו געוואוינען די גוים צו גנב׳נען די זאכן, אויב דער גוי בעט אסאך דארפן מען פראבירן בעטן מיט שיינעם ער זאל נאכלאזן דעם פרייז אויב ער האלט זיך ווייטער ביי זיינעם לאזט מען עס איבער דארט (גיטין מה: יור״ד סי׳ רפ״א, סמ״ג עשין קס״ב, קסה״ס סו״ס א׳).

כג) לכתחילה זאל מען נישט שרייבן קיין שם (נאמען) פון השם יתברך נאר אין א ספר כדי עס זאל נישט צוקומען צו בזיון (עי׳ בשע״ת סי׳ א׳ סק״ג, וקסה״ס סי׳ י״א או׳ י״ז, ומאסלה״מ סי׳ א׳ באורך).

כד) א ספר תורה וואס איז נישט מוגה (גרייזיג) טאר מען נישט לאזן ליגען מער ווי דרייסיג טעג (קסה״ס סי׳ י״ט).

כה) זיכער צו מאכן אז די בתים זענען פיער־קאנטיג (אייניג די לענג און די ברייט) פון אויבן (הבתים) פון אונטען (תיתורא) און די ניי פאדים ארום (תפירות) זאל מען נעמען א גראדע זאך (פאפיר אדער העלצעל — א.ד.ג.) און ארויפלייגן אויף די לענג און נאכדעם אויף די ברייט און זעהן אויב זיי פאראייניגן זיך — נאכדעם זאל מען ארויפלייגן אויף די שיעפקייט פון עק ביז עק איין וועג נאכדעם די צווייטע זייט (פמ״ג סי׳ ל״ב מ״ז ס״ק ל״ג — פרישה בשם מהרא״ף, מלאכ״ש כלל ח״י או׳ צ׳).

כו) וועגן פארבן (שווארצן) די תפלין, דער וואס וויל ארויסגיין פון אלע ספיקות זאל עס אפשווארצן מיט א שווארצע פארב וואס האט נישט קיין שום ממשות עס זאל זיין בלויז א שווארצע אנזעהן (חזותא בעלמא).

כז) און די וואס פארבן מיט אביסל צוקער פארב וואס ברעקלט זיך (מתפרר) ווען מען רייבט עס אפ קענען מיר נישט פסל׳ן.

אבער דאס וואס טייל סופרים האבן באנייט צו נוצן א דיקע פארב וואס עס קען זיך אפשיילן אזוי ווי א שווארץ בלעטל דאס איז פסול (ח״א כלל י״ד ונש״א שם, ושגם הרב בית מאיר הסכים עמו, מלאכת שמים כלל ח״י או׳ י״ב, קסה״ס סי׳ כ״א או׳ י״ג, שו״ת יד יצחק ח״ג סי׳ רי״א, וכן הסכים במ״ב סי׳ ל״ב סעי׳ מ׳ — וע״ע בשו״ת נו״ב סי׳ א, ובפ״מ א״א או׳ ס״ד, שו״ת גבעת פנחס סי׳ מ״ד, ובשו״ת חלקת יואב סי׳ ג׳).

כח) הלכה למשה מסיני אז די רצועות דארפן זיין שווארץ פון דרויסן מ׳דארף זייער אכטונג געבן אויב עס מעקט זיך אפ דאס שווארצקייט איבערצופארבן נאכאמאל (מלאכת שמים כלל כ׳ או׳ ב׳, קסה״ס סי׳ כ״ג או׳ ב׳, אמרי שפר כלל י״ט או׳ א׳) אפילו אויב עס איז נישט ווייס געווארן נאר עס איז נישט געהעריג שווארץ דארף מען עס איבערפארבן (מלא״ש וקסה״ס שם).

כט) מען זאל מדקדק זיין אפצושווארצן די זייטן פון די רצועות (חודי הרצועות, קסה״ס שם).

ל) אויב מען רייבט אפ די בתים אדער רצועות זאל מען די שטויב דערפון נישט אוועקווארפן נאר גאנז זיין, שו״ת פאר ישע או״ח סי׳ כ׳ וציין מקור במשנ״א סי׳ י״ד או׳ ד׳).

לא) א חכם זאל נישט געבן סמיכה ביז ער ווייס אז דער סופר איז א ירא״ש נישט ח״ו קיין קל, און איז א מדקדק במצות, און קען גיט די הלכות (משנת אברהם סי׳ ח״י או׳ ח׳).

לב) ווען מען ארבעט אויס דעם קלף דארף מען אינזינען האבן אוועקצושטויסן דאס שלעכטע און ארויסצונעמען דאס גוטע צו באהעפטן מיט די קדושה (תורת השלמים בשם הרמ״ז).

לג) ווען מען האט אן די תפלין אויב מ׳האט עפעס צו טראגן זאל ער עס נישט טראגן צווישן האנט און קערפער, נישט אפצוטיילן צווישן תפלין און הארץ (ס״ח תשע״ד).

לד) אפילו דער וואס זיינע האר וואקסן אראפ ביזן שטערן זאל ער נישט אנטוהן די תפלין אויפן שטערן נאר אין די הייעך פון קאפ דארט ווי רוב מענטשן האבן האר (שו״ת לבוש״מ או״ח ק״י, פרי השדה ח״ג סי׳ קמ״ט).

לה) אויב איינער זעהט ביים חבר (מוז נישט זיין דוקא א חבר) אז ער טראגט נישט די תפלין כהלכה איז ער מחויב אים צו זאגן (עובר אורח סי׳ כ״ז).

לו) עס איז א גרויסע מצוה און א געוואלדיגע זכות צו באשטימען איין מענטש וואס זאל זיין משגיח ביים דאווענען, אז די תפלין זאלן נישט אוועקשטיין פון דעם ריכטיגן פלאץ, און יעדער ירא שמים זאל משתדל זיין אז ער זאל דאס זיין (ס׳ תפלה לדוד להגה״ק מבטשאטש ה׳ תפלין).

לז) מען טאר נישט אנטוהן א הענדשוך אויף די רעכטע האנט און מיט דעם אנטוהן די תפלין פון די לינקע האנט (עי׳ פסחים נז. — מ״א סי׳ צ״א סק״ד — ופמ״ג קפ״ג סק״ו ובאה״ט סי׳ צ״א סק״ו עיקרי הד״ט או״ח סי׳ ה׳ אר׳ י״ח, ונ״ז — וביור״ד סי׳ כ״ו אר׳ כ״ו — ומשנ״א סי׳ ט״ז אר׳ י״ג — שו״ת נטע שורק או״ח סי׳ ל׳ — ילקה״ג בקו״א ליור״ד מ״ו ע״א).

לח) ״ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״ זאל מען נישט זאגן ביז נאכן באפעסטיגן די תפלין אויפן קאפ (פמ״ג ומ״ב סי׳ כ״ה ס״ק כ״ח).

* * *

ב"ה

# מודעה

## מטעם הרה"ג הבד"צ לכל מקהלות האשכנזים שליט"א

כאשר נתברר לנו שרבו המכשולות בענין המזוזות והתפילין, ונמצאו כמה תפילין שהפרשיות היו פסולות, **אשר לבד שלא קיימו מצות תפילין בהנחתם, עוד זאת ברכו בכל יום ברכה לבטלה רח"ל.**

והנה ידוע כי ישנם כמה פסולים בתפילין ומזוזות שבלתי אפשר להכיר אותם בעת ההגהה, כגון פסול חק תוכות וכתיבה שלא כסדרן.

**על כן הננו מזהירים בזה לכל מי שיקנה תפילין או מזוזות, שעליו לדעת בבירור, כי נכתבו על ידי סופר נאמן ומפורסם לירא ה'.**

**ולא יכשלו באסורא רבא ותמידי ח"ו.**

ושומע לדברינו ישכן בטח.

ועה"ד אמו"צ באעה"ח היום כ"ג תמוז תרצ"ו.

הבד"צ לכל מקהלות האשכנזים דפעיה"ק ת"ו.

נאם פנחם בהגר"י ז"ל עפשטיין
נאם דוד הלוי יונגרייז

ב"ה

הנני למלאות אחרי דברים הנ"ל לאפרושי מאיסורא ולהשומעים יונעם.

**יוסף צבי דושינסקיא**

דפוס "חורב" ירושת"ו
ת"ת תורה ודרך ארץ בק"ס

# מצוה אנציקלופדיה

ספר

# שערי שלום

## חלק ב׳ מספר מצות סת״ם השלם
## דיניו ומנהגיו

# שער הציורים

**המכיל**

עשית קשר של יד ושל ראש

נוסח אשכנז וספרד

ומלאכת תיקון הדיו של סופרים

בס"ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו...**

(ישעי' נ"ה ז')

הספר הנוכחי **שערי שלום** יצא לאור
בסיוע ובעזר העסקן הנפלא ראש וראשון
לכל דבר שבקדושה רודף צדקה וחסד וכו'
מוהר"ר **שלום** בן ר' **יצחק** נ"י

**מוקדש לע"נ**

היקר ומאוד נעלה הרה"ח המפואר מוהר"ר
**יצחק** בן ר' **ברוך** ז"ל

**נפטר בשם טוב**

ביום ד' תמוז שנת תש"מ.

תנצב"ה

יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע"י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.

# ספר

# שערי שלום

## חלק ב׳ מספר מצות סת״ם השלם
## דיניו ומנהגיו

(והוא)

א) מדריך לקביעת המזוזה כהלכתה.
ב) ציורים להקל על מעשי הפראקטיק על מקום קביעת המזוזה.
ג) ציורים ללמד על מעשי קשר של תפלין.
ד) צורות האותיות הכתובות בספר תורה, תפלין ומזוזות.
ה) מלאכת תיקון הדיו של סופרים.

# התוכן לספר

# שערי שלום

פרק ........................................ עמוד
א. מקום המחויב במזוזה ........................ מג
ב. סדר הנחת המזוזה ומקומה, וברכתה ............... מד
ג. מקומות המחויבים במזוזה ...................... מו
ד. זהירות בכבוד המזוזה ......................... מז
ה. סגולת המקיים מצות מזוזה כהלכתה, ומקומות שצריכים להיזהר ביותר, וזמני הבדיקה ............ מט
ו. ציורי משקוף ומזוזות ......................... נא
ז. מקום קביעת המזוזה ......................... נב־נד
ח. צורות האותיות ודיו של סופרים .................. נה
ט. שער הציורים — עשיית קשר של יד ושל ראש נוסח אשכנז ונוסח ספרד ............................. נט

ועתה זכיתי לספר היקר שאלות־ותשובות אבני נזר חלק אורח־חיים להגה"צ מסאכטשוב זצ"ל. וז"ל בהלכות תפילין סי' קפ"ג בסופו. והני דנסבי (שלוקחין) תפילין של אחרים ומשנין הקשר לפי מדת ראשם לאו שפיר עבדי. דהבעלים ישנו אחר־כך הקשר לפי מדת ראשם, נמצא ראשון לא הוי של קיימא ולא יצא ידי חובתו.

**ומצוה לפרסם הדבר. עכ"ל**

# ספר
# שערי שלום
## הלכות מזוזה

## סימן א

### מקום המחויב במזוזה

א) די כוונה פין קויפען און אַרויפשטעלן אַ מזוזה דאַרף זיין גענצליך לשם מצוה (רמב"ם ה' מזוזה, טור סי' רפ"ה), אָבער דער וואָס לייגט די מזוזה כדי עס זאָל היטען היט עס נישט (גליון רש"א רפ"ט).

ב) דער ש"ך שרייבט (רפ"ז סק"ד) יעדער ירא שמים וואָס וויל זיצען ראוהיג אין שטיב אָהן מורא פין רוחות רעות זאָל מאַכען אַ מזוזה אויף אַלע טירען.

ג) איינער וואָס האָט אַ האָטעל, אָדער גאַסטהויז, אָדער עהנליך וואָס דער צוועק איז, צי געבן פלאַץ פאַר מענטשען אויף עטליכע טעג, נישט קיין חילוק אויב דאָס איז פאַר געלט אָדער לשם מצוה, דאַרף דער אייגנטימער אַרויפשטעלען מזוזות אויף אַלע טירען (ערוה"ש רפ"ו מ"ח), אָבער דער אורח מעג זיין אין שטיב כאָטש דער בעה"ב האָט נישט אַרויפגעלייגט אַ מזוזה, אויך דאַרפען די אָנפירערס פין ישיבות אַרויפלייגען מזוזות אויף דאָרמיטאָרי שטיבער.

ד) אויב מען האָט אַ גוי'שער אַרבייטער (דאָס קימט פאָר מערסטנס ביי האָטעלס, קעמפּס, פאַרטמענט הייזער, א. ד. ג.), און מען געט אים אַ באַזינדער שטיבעל, דאַרף דער אידישער בעל הבית דאָרט אַרויפלייגען אַ כשר'ע מזוזה (ערוה"ש רפ"ו, ג').

ה) אַלע טירען פין שטיב זענען מחויב במזוזה (רמב"ם פ"ו ה' מזוזה, יור"ד רפ"ו ט"ז, י"ז), אפילו מען האָט איין טיר פאַרשפאַרט נישט צי ניצען און מען האָט אַראָפּגעשטעלט דאָרטען אַ גרויסען קאַסטען וואָס פאַרשטעלט די גאַנצע טיר איז נאָך אַלס חייב במזוזה אָהנע ברכה (תשובת ש"י קל"ז, ערוה"ש רפ"ו, ל"ח), אויב מען האָט דאָס געטוהן איידער מען האָט דעם טיר גענוצט, אפילו שטיבער פין קליינע קינדער (ערוה"ש רפ"ו ג').

ו) עס איז אַ הידור מצוה לכתחילה אַליינס אַרויפצילייגען די מזוזה (דע"ק רפ"ט סק"ב), און לכתחילה טאָר מען נישט אַרויפלייגען אַ מזוזה אויף אַ פלאַץ ווי יענער איז מחויב, אָהן יענעמס וויסען (שם).

ז) אַ מאַן זאָל לייגען לכתחילה די מזוזה, בדיעבד אויב אַ פרוי האָט געלייגט איז כשר (שד"ח מע' מ' כלל קל"א).

ח) אפילו ער האָט אַ דירה אין די פרעמד, צ. ב. ש. מען וואוינט אויסער די שטאָט, אין מען האַלט אויף אַ דירה אין שטאָט, אָדער פאַרקערט, דאַרף מען אויף די פראָוועזאָרישע דירה געהעריגע מזוזות, אפילו ער גייט אַהין איינמאָל אין צען יאָר (שי' הר"ר יונתן מובא בשט"מ ב"מ ק"א, מהר"ם שי"ק יור"ד רפ"ו, משמרת שלום רפ"ו).

ט) אויב מען האָט נישט אַרויפגעלייגט אַ מזוזה איז מען עובר יעדע רגע אַ עשה (מנ"ח מצוה תכ"ג).

י) עס איז דאָ שיטות אַז אַ שטיב וואָס מען האָט נישט אַרויפגעלייגט אַ מזוזה, אין עס איז יעצט שבת אָדער יו"ט, אויב ער האָט אַ צווייט שטיב טאָר ער נישט בלייבען אין דעם שטיב אָהנע מזוזה, אויב נישט מעג ער (פמ"ג ל"ח א"א ט"ו, פת"ש יור"ד רפ"ה סק"א), דאָס זעלבע אינדערוואָכען אויב מען קען נישט באַקימען אַ מזוזה (פת"ש שם), עס איז דאָ וואָס זענען מקיל שבת ויו"ט (י"א במק"מ רפ"ה סק"ג) עס איז דאָ וואָס זענען מער מחמיר אַז מען דאַרף אַרויסגיין אויף די גאַס (שו"ת אבני נזר יור"ד שפ"א) וועגען מפקיר זיין זעה הלל"מ י"א, ו', ז', דעריבער זאָל מען נישט זוימען קיין מינוט אין תיכף ביים ערשטען חיוב אַרויפלייגען די מזוזה.

יא) נישט לייגען אַ מזוזה אויפען קעלער טיר, אָדער ערגעץ אַנדערש ווי מען דאַרף איז פונקט ווי איינער גייט אָנגעטוהן אָהנע תפלין (דרושי רח"פ סי' כ"ג, בטעה"מ ח"ב, נ"ג).

## סימן ב

### סדר הנחת המזוזה ומקומה, וברכתה

א) דאָס פלאַץ פון די מזוזה איז אָנהייב אויבערן דריטעל פון די הויכען פון טויער (יור"ד רפ"ט), דאָס מיינט אַז דער סוף פון אינטערע חלק פון מזוזה זאָל

זיין די אָנהייב פין אויבעריגען דריטעל, דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבן געהעריג אויסמעסטען די הייעך פין טיר איינגאַנג, און נאָך צוויי דריטעל פין אינטען אָנקלאַפּען די מזוזה.

טאָמער קימט דאָס אויס העכער די פלייצעס זאָל מען פרעגן אַ שאלה ווייל עס איז אַ געוואַלדיגע מחלוקת (עי׳ ירושלמי פ״ד דמגילה, תוס׳ יומא י״א:, פסקי תוס׳ יומא סי׳ ז׳, מנחות סי׳ פ״ה, מרדכי, ראב״ד, רמב״ן, דרו״פ, ב״ח, לבושי ט״ז, ש״ך בל״י, לחה״פ מצו״ש, מהר״ם בנעט, באר היטב, דה״ח ח״א, ובענין המנהג ג״כ פליגי המנח״פ מעיד דהמנהג כנגד כתפיו ובקש״ע לחה״פ מעיד להיפך, ע״ש).

עכ״פ איז דאָס אַ וויכטיגע הידור פאַר איינעם וואָס בויט זיך אַ הויז אויפסנייע זאָל מאַכען די טירען מעסיג נישט צי הויעך כדי אַז דער אויבעריגער דריטעל זאָל אויספאַלען בערך אַזוי הויעך ווי זיינע פלייצעס, אין פאַר די הידורים האָבען די חז״ל עדות געזאָגט אַז מען איז זוכה צי זעהן די ישועה (מו״ק ה.).

ג) עס ווערט געברענגט אין נאָמען פין מרן האלקי הבעש״ט זצוקללה״ה (דע״ק רפ״ט) אַז מען זאָל נישט לייגען די מזוזה אין אַ אייזערנעם האַלטער, זעלבסטפאַרשטענדליך אויב מען וויל זיך פאַרזיכערן קעגן רעגן, גנבים, א. ד. ג. דאַרף מען נישט חושש זיין, און אַדאי נישט זוימען מיטען אַרויפלייגען לכבוד דעם.

ד) טייל פוסקים זאָגען אַז די נעגל פין מזוזה מיזען זיין אַזוי שטאַרק באַפעסטיגט צום שוועל אַז מען זאָל עס נישט קענען אַרויסציען נאָר מיט אַ כלי און מיט כח (דע״ק, מ״מ).

ה) מען דאַרף אַכטונג געבן מען זאָל נישט אַריינהאַקען נעגעל אויף די פאַרמעט אַליינס, אפילו אין דעם פלאַץ וואָס איז פריי אומגעשריבען (מ״מ י״א, ס״ד, בשם מהר״ם לובלין ב״מ ק״ב.).

ו) לכתחילה דאַרף מען אַריינקלאַפּען די מזוזה אַביסעל טיפער (רמ״א רפ״ט ס״ו) דאָס מיינט אַז די אויבריגע פין מזוזה זאָל זיין צום שטיב צי, און די אינטען פין מזוזה צי אינדרויסען (שם). אויב מען האָט געטוהן פאַרקערט איז ראוי מען זאָל עס פאַרעכטען אָהנע ברכה (מז״א י״א, ס״ו), דער שיעור פין

שיפקייט איז, וועו עס זעהט אויס פאַרען מענטשליך אויג שיעף איז גענוג (דע"ק רפ"ט י"ח, מק"מ סק"ל).

ז) אויב מען האָט פאַרקערט געלייגט די מזוזה שמע אינטען, און די לעצטע שורה איז אויבען איז מען נישט יוצא אפילו בדיעבד (דע"ק או"ח ל"ב סכ"ג, ומק"מ רפ"ט סק"ל), דעריבער זאָל מען זייער פאָרזיכטיג זיין איידער מען לייגט אַריין די מזוזה אין שיידעל אַז מען זאָל עס אַריינלייגען געהעריג ווייל אויב נישט קען ח"ו אויסקימען מען זאָל אַפּאָר יאָר וואוינען אָהנע מזוזה.

ח) אויב מען האָט זיך פאַרגעסן אין אַריינגעקלאַפּט די מזוזה אָהנע ברכה, קען מען שוין נישט מאַכען אַ ברכה (ש"ך רפ"ו, כ"ה, הגרע"א שם, ברכ"י או"ח י"ט, והגם דיש חולקין סק"ל).

ט) אויב מען האָט מערערע מזוזות אַרויפציקלאַפּען זאָל מען אינזינען האָבען ביי די ברכה יוצא צי זיין אויף אַלע, אין נישט אויסרעדן ווילאַנג מען איז פאַרטיג מיט אַלעם (בית הלל רפ"ט).

## סימן ג

### מקומות המחויבים במזוזה

א) אַ מקוה אָדער מרחץ דאַרף נישט קיין מזוזה (רפ"ו ס"ד) אָבער דער טיר צום ערשטען צימער ווי דער מקוה איד זיצט איז מחויב במזוזה.

ב) אַ גאַראַדזש דאַרף אַ מזוזה, אָהנע ברכה.

ג) אַ סטאָר (געשעפט) אָדער פעקטאָרי, אָפיס, ווי אויך אַלע אַנדערע ביזנעס פלעצער דאַרף מען לייגען אַ מזוזה אָהנע ברכה (יד הקטנה ה' מזוזה פ"ב, כ"א, פת"ש רפ"ו י', ערוה"ש).

ד) אויב מען נעמט אַראָפּ אַ מזוזה (מזוזות) בודק צי זיין און מען לייגט דאָס צוריק דעם זעלבן טאָג מאַכט מען נישט קיין ברכה (דע"ק רפ"ט סק"ד, מהר"ם שי"ק יור"ד רפ"ה, בי"ד יור"ד צ"צ, ערוה"ש ד'), אויב מען לייגט דאָס צוריק דעם אַנדערן טאָג דאַרף מען יאָ מאַכען אַ ברכה (ערוה"ש ד', ועי' דע"ק שם). אויב מען לייגט דאָס צוריק דעם זעלבן טאָג נאָך אַ פּאָר שעה זאָל מען מהרהר זיין די ברכה.

ה) אויב די מזוזה איז געווען פסול און מען לייגט אַרויף אַן אַנדערס לויט טייל דיעות מאַכט מען אַ ברכה (דע"ק ה', מהר"ם שי"ק שם, השיב משה ח', ערוה"ש), לויט טייל פוסקים נישט (עיקרי הד"ט יור"ד ל"א ו', שו"ת מהרש"ם, וע"ע במ"ב או"ח תרל"ט בסופו ובשעה"צ נ' דגם דעת בית מאיר כן) דעריבער זאָל מען אינזינען האָבען די ברכה.

ו) כאָטש אַ שטיב האָט אַ שיעור ווי גרויס עס דאַרף זיין עס זאָל מחוייב זיין במזוזה, פינדעסטוועגן אַ האָל וואָס פין דאָרט גייט מען אַריין אין שטיבער, אָדער אַ קליין שטיבעל וואָס מען גייט אין איר אַריין פין די גאַס, אין פין דאָרט אין געהעריגע שטיבער דאַרף דער שטיבעל, אָדער האָל אַ מזוזה כאָטש ער איז קליין און האָט נישט קיין שיעור (חמו"ד בפת"ש רפ"ו י"א, ובחי' רעק"א שם, זכל"א ח"ג או' מ') אָבער אָהנע ברכה (דיש חולקין, דע"ק י"ט, יד שאול).

ז) עס איז אַ אָפטע זאַך היינט צו טאָג סיי אין חו"ל סיי אין א"י, אַז מען האָט אַ פּאָרטש (טעראַסע) אַרויסגעבויט פין שטיב, דאַרף מען וויסען אַז דאָס דאַרף אַ מזוזה (אויב עס האָט אַ שיעור), נאָר איין חילוק איז דאָ לכבוד דעם וואָס עס האָט נישט קיין דאַך האָט עס אַנדערע רעגולאַציעס איר צו פאַרפליכטען מיט אַ ברכה מאַכען, אויב עס איז אָפען צום שטיב, דאַרף מען מאַכען אַ ברכה אויב נישט, נישט, דאָס איז ביי אַ פּאָרטש וואָס דער שטייגער דערפין איז צו זיין אָהנע דאַך, אַ סתם שטיב וואָס האָט נישט קיין דאַך מאַכט מען נישט קיין ברכה.

## סימן ד

### זהירות בכבוד המזוזה

א) ווען מען קערט אויס (מיט אַ בעזים) דאָס שטיב מען זאָל נישט ציזאַמענקלויבען די שמיץ נעבן די מזוזה נאָר צו די אַנדערע זייט (קיצור של"ה) דער ס' טעם הצבי שרייבט (י"א, ט') אין די צייטען פין די שפּאַנישע אינקוויזיציאָן אויב מען האָט געטראָפען פין די אנוסים ער קערט די שמוץ צו די אַנדערע זייט פין די מזוזה האָט מען געזאָגט אַז ער פירט זיך נאָך אַלס אידיש, און מען האָט זיי אומגעברענגט על קדה"ש.

ב) אַ מזוזה וואָס פאַלט אַראָפּ פין די הענט אָהנע שיידעל, איז דאָ אַ מחלוקת אויב מען דאַרף פאַסטען (לב חיים, או"צ, שאין צריך, ושע"א פסק דצריך ע"כ סק"ל).

ג) עס איז דאָ אַ טייל פוסקים וואָס האַלטען אויב מען דינגט אַ דירה אויף דרייסיג טאָג אָדער מער, דאַרף מען באַלד אַרויף לייגען אַ מזוזה (מאירי שבת קמ"ח, דה"ח, ערוה"ש הד"ו, מ"ט, כנה"ג, נחל אשכול), עס איז דאָ וואָס האַלטען אַז אייביג דאַרף מען הערשט נאָך דרייסיג טאָג לייגען (דע"ק כ"ט, חקרי לב), אַנדערע האַלטען עס ווענדעט זיך אינעם ווילען פינען איינוואוינער, אויב ער וויל קען ער לייגען אַ מזוזה מיט אַ ברכה (ח"א, השיב משה שם, ארי' דבי עילאי, משמ"ש), דער מנהג איז אַז מען לייגט די מזוזה תיכף מיט אַ ברכה (ערוה"ש, מ"מ).

ד) אין די זימערדיגע וואוינונגען דאַרף מען לייגן אַ מזוזה אָהנע ברכה (שו"ת תרשיש שהם יור"ד נ"ב, ערה"ב יור"ד ר"ל, שד"ח מע' מ' כלל קי"ח, מ"מ).

ה) דער וואָס האָט מזוזות אויף די טירען און וויל עס איינטוישען מיט שענערע און בעסערע, איז די בעסטע עצה אַראָפּצינעמען כדי בודק צו זיין און אַרויפשטעלען די שענערע (מילי דאבות ח"ה סי' ו'), אָהנע ברכה (עי' מהר"ם שי"ק רפ"ח, ומהרש"ם יור"ד ז'), עס איז דאָ מחמירים אויך (יד יצחק רע"ז, משיב דברים או"ח י"ד, משנה שכיר ו'), דעריבער זאָל מען פרעגן אַ שאלת חכם.

ו) ווען מען ציהט זיך אַוועק פון אַ דירה טאָר מען נישט אַראָפּ נעמען די מזוזות אויב אַ צווייטער איד נעמט איבער די דירה, נאָר ער זאָל בעטען דעם נייעם איינוואוינער זאָל אויך באַצאָלען די ווערט פון די מזוזות (יור"ד רצ"א), אויב נישט לאָזט ער זיך אַריין אין אַ סכנה רח"ל (ב"מ ק"ב), אויב ער וויל נישט איבערלאָזען טייערע מזוזות זאָל מען פרעגן אַ שאלה פון אַ רב.

ז) טייל פוסקים האַלטען אויב מען האָט ציגערירט ס"ת תפלין, רצועות, מזוזה, מגילה א.ד.ג. אינמיטען סעודה דאַרף מען זיך איבערוואַשען (שיבולי הלקט, ח"א כלל מ') אָבער רוב הפוסקים זאָגען אַז מען דאַרף נישט (אשכול בשם ר"ה גאון, מנח"פ פמ"א ח"א ע"ו, שו"ת רב פעלים, בה"ל קס"ד, וע"ע שו"ת חיים שאל ח"א ע"ו).

## סימן ה

### סגולת המקיים מצות מזוזה בהלכתה, ומקומות שצריכים להיזהר ביותר, וזמני הבדיקה.

א) אין זינד פין מבטל זיין מצות מזוזה גייען די קינדער אַוועק יונגערייט רח"ל (שבת ל"ב:).

ב) עס איז אַ מנהג ישראל אויב איינער איז שטאַרק נישט געזינט לאָזט מען בודק זיין די מזוזות (טעם הצבי) עהנליך שרייבט דער ליקוטי מהרי"ח, אַז תּפלין פין אַ נפטר דאַרף מען בודק זיין, פאַרען ניצען.

ג) מען טאָר נישט אויפשרייבען אינדרויסען אויף די מזוזה ש־ד־י, ווייל דאָס מעקן זיך אָפּ נאָך אַ צייט פין אַרויפלייגען די הענט (שו"ת מהרש"ם יור"ד כ"ח).

ד) איך מיז מעורר זיין אויף דעם וואָס מען טיט גרינג האַלטען דאָס בודק זיין מזוזות פין ביהמ"ד, בפשטות זעהט אויס אַז דאָס נעמט זיך פין די הלכה אין ש"ע (רצ"א) אַז אַ מזוזה פין אַ רבים איז מען בודק נאָר צוויי מאָל אין פופציג יאָר, דער אמת אָבער איז דאָס אַ פאַלשער טעות ווייל דאָס מיינט מען נאָר טויערן פין שטעט און מדינות א. א. וו. (כ"כ רש"י יומא י"א, ובו"ח ושו"ת חת"ס רפ"ג), אָבער בתי מדרשים וואָס גבאים האַלטען אָרדענונג איז מען מחויב צוויי מאָל יעדען זיבען יאָר (לשכת הסופר, מסג"ז), אויסערדעם געהערן היינטיגע צייטען כמעט אַלע בתי מדרשים פאַר פּריוואַט רבנים, איז דאָס לויט יעדן אַ בית יחיד, און עס איז דער אויפגאַבע פון רב, דער אייגענטימער דאָס מסדר צי זיין.

דאַרפען געוואָרענט זיין אַלע ישיבות, חדרים, קעמפּס, האָטעלס, בתי מדרשים, מיידלעך שולען, וואָס געהער פאַר אַ בעל הבית (און אפילו נישט איז געניג אַז איינער איז אַ בעל אחריות איבער אַלעם) אַז מען זאָל בודק זיין די מזוזות לכה"פ צוויי מאָל יעדע זיבען יאָר, און נישט מוותר זיין אויף אַ הלכה פין די גמרא און שו"ע.

ה) איידער מען פאַרבט (פּעינט) דע דירה איז ראַטזאַם אַראָפּצינעמען די מזוזה עס זאָל נישט קאַליע ווערן אינאייגוועגס קען מען עס שוין לאָזן בודק זיין.

ו) אויב עס ליגט אַ אַלטע מזוזה אין מען וויל זיך נישט באַמיען דאָס אַראָפּצינעמען, אין ווייל מען האָט מורא אַז עס טויג נישט די אַלטע, לייגט מען אַרויף אַ נייע איז דאָס בל תוסיף (פת"ש רצ"א סק"ב, נאָר קודם מיז מען אַראָפּנעמען די אַלטע, נאָכדעם לייגט מען אַרויף די נייע, אויב מען דערקענט נישט פין דרויסען די אַלטע, מען ווייסט נישט ווי עס איז, מעג מען אַזוי אַרויפ־לייגען די נייע (ערך ש"י רצ"א), מען דאַרף קויפען שיינע מזוזות (ח"ב מס' חולין).

ז) צוויי מאָל אין זיבען יאָר מיז מען בודק זיין, אנשי מעשה זענען בודק די מזוזות און תפלין יעדעס יאָר חודש אלול (מט"א, וקש"ע קכ"ח סעי' ג'). מיר מיזען באַמערקען אַז טיילמאָל איילט זיך דער סופר חודש אלול מער ווי אַגאַנץ יאָר וועגען די מאַסען בדיקות וואָס ער ווערט באַלאַסטעט פין עולם המדקדקים זאָל מען זיך מקדים זיין פריער צי לאָזען בודק זיין.

ח) אויסערדעם איז זייער אין פּלאַץ, ווען איינער לאָזט בודק זיין די תפלין ומזוזות ער זאָל פאַרלאַנגען פין סופר זאָל גיט באַטראַכטען אויך אַלע זאַכען וואָס האָבען שייכות מיט די פרשיות, צ. ב. ש. אויב די רצועות זענען גענוג ברייט, אויב די ריבוע פין בית, און תפירות זענען געהעריג, לאָזען פאַרבען די תפלין, פאַרלאַנגען אפילו אין די פרשיות אויב עס איז שייך זאָל מען צילייגען הידורים (פאַרשטייט זיך אַז מען זאָל זיך לאָזען קאָסטען דערפאַר), און מָען זאָל בעטן פינען סופר זאָל אויסלערנען ברייטער און שמאָלער צי מאַכען דעם קשר, ווייל אויב נישט קען מען זייער גרינג נכשל ווערען מיט נישט לייגען תפלין געהעריג.

און מען זאָל גיט פאַרשטען ביים סופר אויב עס איז דאָ אַ פּלאַץ מער מהדר צי זיין ווי עס שטייט אין מנהגי יש"מ אַז ביי תפלין ומזוזה זאָל מען שטאַרק מדקדק זיין.

ט) מען דאַרף זייער אַכטונג געבן ווען מען פאַרבט תפלין אַזוי ווי סאַך פריוואַטע מענטשען טוען, עס זאָל נישט אַריינרינען פאַרב אינעווייניג אין די בתים, און קאַליע מאַכען די פרשיות.

י) אַ קאַמער (קלאַזעט) וואָס מען גייט אַריין דערין דאַרף האָבען אַ מזוזה אפילו עס איז קלענער ווי דעם שיעור (חי' הגרעק"א רפ"ו).

ציורי משקוף ומזוזות




נקח מסידור מנחת ירושלים

מקום קביעת המזוזה




נקח מסידור מנחת ירושלים

מקום קביעת המזוזה




נקח מסידור מנחת ירושלים

## קביעת מזוזה



1

כורכה מסופה לראשה דהיינו מאחר כלפי שמע כמו ציור 1

דיא מזוזה וויקעלט מען צו־ אמען פון סוף שורה צום אנהויב אזוי ווי בילד 1

---

תמונת המזוזה מכורכת, בשיפוע ראשה כלפי פנים מוכנת לקבוע בדלת כמו ציור 2

אזוי זעהט אויס דיא מזוזה צוזאמען געוויקעלט. מען שלאגט צו דיא מזוזה מיט דעם אויבערשטען עק צו דער שטוב אזוי ווי בילד 2




2

כורכין אותה בנייר, או מניחין עליה זכוכית, (שלא ימחקו את השם בהנחת היד בכל פעם). וקובעין אותה מימין הכניסה, בהתחלת שליש העליון בגובה הפתח, כמו ציור 3
(ואם הפתח גבוה הרבה, יניחה נגד כתיפיו)

מען לעגט אויף דער מזוזה פאפיר אדער גלאז, (עס זאל זיך ניט אברייבען דיא אותיות פון דעם „שם" מיט'ן ארויף לעגען דיא האנד). מען שלאגט צו דיא מזוזה און דער רעכטער זייט פון דעם איינגאנג, אין אנהויב פון אויבערשטען דריטעל אין דער הויך פון דער טיר, אזוי ווי בילד 3
(אז דיא טיר איז שטארק הויך שלאגט מען צו דיא מזוזה קעגען דיא אקסעל)



צורות האותיות ללמד לתינוק שיהיה מכיר צורתם. עיין לעיל בסימן כ"ד סעי' ה' „אם יש ספק באיזה אות מראין לתינוק שאינו לא חכם ולא טפש, היינו שאינו מבין את הענין, אבל יודע ומכיר את האותיות", הרי שצריך להכיר צורות האותיות הכתובות בספר תורה.

יעדעס קינד דארף מען לערנען ווי אזוי דיא אותיות זעהען אויס אין ספר תורה.

אב גד הו זחח טי

כך למם נן סע פף

צץ קר שת

אב גד הו זחח טי כך למם נן

סע פף צץ קר שת

האותיות ש, ע, ט, נ, ז ג, ץ יש לכל אחת מהן בראשי שמאל שלשה זיונן.

דיא אותיות ש, ע, ט, נ, ז ג, ץ זענען מיט דריי קליינע זיין־ליך פון אויבען.

„ח" נהגו הסופרים לכתוב בספר תורה ובמזוזה „דז", ובתפילין „רז", (עפ"י קבלת האר"י ז"ל)

דיא „ח איז פון „ד־ז" און אויך פון „רז".

---

דיו של סופרים. נעשה באופנים שונים (עי' קסת הסופר, מאיר עיני סופרים ותיקון סופרים). ואכתוב פה עשיית הדיו באופן היותר קל, ונהוג אצל הסופרים. 30 גראם גומי־ראביק, 30 גראם גאליש (עפצים: גאלנים) וטוב לכתשם לפירורין, כף אחת קופער־וויטריאל (קנקנתום) וטוב לקלותו באש, רבע ליטר מים, ומערבין הכל ביחד ומרתיחין על האש עד שישאר המחצה, ואחר שיצטנן ראוי הוא לכתיבה.

ובהולאנד נהגו הסופרים לעשות הדיו באופן זה. 2 ליטר שפירט (יין שרף). א האלב פונד גאליש לכתוש לגריסין וליתן לשפירט שישרה בתוכו (עשרה ימים) עד שיתאדם השפירט, אחר־כך מערין למחבת ומדליקין את השפירט, ובתוך כך נותנין לתוכו קופער־וויטריאל שרוף 8 גראם, גומי־ראביק 8 גראם, צוקער כתוש 5 גראם ומניח את הדיו דולק עד שישאר שליש מהכל ומצננין אותו וממערין מה שלמעלה, והוא הדיו המובחר, ובהנשאר נותנין מעט מים ומרתיחין אותו עוד הפעם ונעשה שחור אבל אינו מן המובחר כראשון.

## מכון להוצאת ספרי
## יהודה וישראל



שע״י ישיבה וכולל בית ישעי
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״
בנשיאות הרה״ג מוהר״ר **שלום יודא גראס** שליט״א
אבדק״ק האלמין בעמ״ח ספרים רבים ונכבדים.

# בשורה טובה

**בקרוב יצא לאור ספרים חדשים הנצרכים מאוד לעולם התורני**

א) **קדושת ישראל** הלכות יחוד (מהדורא שניה).

ב) **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות (מהדורה שניה).

ג) **נשואי ישראל כהלכתה** (כל הדינים הנצרכים לחתן משבת של קודם החתונה עד גמר שבעת ימי המשתה בלשון צח וקצר.

ד) **שולחן ישראל כהלכתה** כל דיני הכנסת אורחים.

ה) **מזוזת ישראל כהלכתה** (מהדורא שניה), מלוקט משו״ע עד אחרון שבאחרונים.

---

עדיין יש מספר מצומצם ספר: **אפיית המצות השלם** (כרך א׳ ג׳ חלקים), **אכילת מצות בישראל** (כרך ב׳ ז׳ חלקים), **נפש ישעי׳** (על מאכלות אסורות) **שו״ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שחיטה ובדיקה) עם קונטרס **שמחת שלום** (על הלי חופה וחתונה), **מנחת יהודה** (על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו״ם) **אהלי ישראל** (הדרכות ליושבי באנגלאוס), **מנוחת שלום** (הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות)

---

היות עס געפינט זיך בא מיר עטליכע ספרים גרייט צום דרוק, און צוליב ענגשאפט פון געלט קען מען דאס נישט דרוקען. ע״כ בעטען מיר ווער עס איז פאראינטערעסירט אויסצוצאלען איינס פון די ספרים לזכות את הרבים, לע״נ די נאנטע פון זיין משפחה, און דער נאמען פון ספר וועט טראגען דעם נאמען פון די נשמה וואס מען וויל מאכען אן אנדענק , זאל זיך ווענדען צו דעם טלפון:

**(212) 436-8086.**

# שער הציורים

## המכיל

עשית קשר של יד ושל ראש

נוסח אשכנז וספרד

ומלאכת תיקון הדיו של סופרים

*In the author's previous works, among them Responsa Zivchei Zedek, Afiath Matzot, Achilas Matza B'Yisroel, Nefesh Yeshaya and Minchath Yehudah, letters of appreciation and support were printed from Geonim and Tzadikim of our generation, the authorities upon whom the House of Israel depends.*

**Rabbi Eliyahu Zlotnick - Zecher Tzaddik'bracho**
*Member of the Rabbinical court of the Ada HaChereydit in Jerusalem*

**Rabbi David HaLevi Yungreis - Zecher Tzaddik L'bracho**
*Member of the Rabbinical court of the Ada HaChereydit in Jerusalem*

**Rabbi Yishayahu Yishai Hacohen Greenfeld - Zecher Tzaddik L'bracho**
*A Rav and author of Seforim in London*

**Rabbi Levi Yitzchok Greenwald - Zecher Tzaddik L'bracho**
*The head of the Rabbinical court of Kahal Arugat HaBosem*

**Rabbi Yisroel Yitzchok HaLevi Riezman - Zecher Tzaddik L'bracho**
*Member of the Rabbinical court of the Ada HaChareydit in Jerusalem*

**Rabbi Simcha Bunim Greenberg - Zecher Tzaddik L'bracho**
*The head of the Rabbinical court of Pressburg, later a Rav in Brooklyn*

**Rabbi Shimon Yisroel Pozen - Zecher Tzaddik L'Bracho**
*The Rebbe of Shopron*

**Rabbi Avrohom Yitzhok Kahan Shlita**
*The Rebbe of Kehilat Shomer Emunim, Jerusalem*

**Rabbi Avraham Meir Israel Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Haniad*

**Rabbi Avraham Eliezer HaCohen Yalus Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Philadelphia*

**Rabbi Avraham M. Britshtein Shlita**
*The secretary of the Rabbinical court of Ada HaChareydit in Jerusalem*

**Rabbi Chaim Eliyahu Sternberg Shlita**
*A Rav and the Rosh Yeshiva of Machzikei Torah Haifa, Israel*

**Rabbi Yosef Greenwald Shlita**
*The Rebbe of Papa*

**Rabbi Yechezkial Grubner Shlita**
*A Rav in Detroit*

**Rabbi Moshe Feinstein Shlita**
*Rosh Yeshiva Mesifta Tifereth Jerusalem*

**Rabbi Moshe Stern Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Debretzin*

**Rabbi Naftuli Hirtska Honig Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Sharmash*

**Rabbi Refoel Silver Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Freeman*

**Rabbi Sholom HaCohen Wein Shlita**
*The head of the Rabbinical court of Ohel*

**Rabbi Shlomo Halberstam Shlita**
*The Bobover Rebbe*

**Rabbi Shmuel Yehuda Panet**
*The head of the Rabbinical court of Daash*

**Rabbi Shmuel Zaev Miller**
*The head of the Rabbinical court of Arad*

## קשר תפילין של יד (אשכנז)



I

צד השחור של הרצועה שים נגד
פניך, וקח קצה הרצועה בימינך
והעביר אותה על־גבי צדה הארוך,
כעניבה ותחוב אותה דרך עליה
כמו ציור I

נעהם דיא שווארצע זייט רצועה צו
זיך, דעם שפיץ רצועה אין דער
רעכטע האנד, און בייג איהם
אריבער דער לאנגער זייט פון דער
רצועה און ציה דורך דעם שפיץ
רצועה אויבען ארום אזוי ווי בילד I



II

אחר שתהדק את הרצועה תראה תמונת
כמו ציור II

נאך דעם איינציהען זעהט דאס אויס ווי א
אזוי ווי בילד II



III

הפוך את הרצועה בצד השחור
לחוץ והנח צדה הארוך על צד
הקצר כעניבה כמו ציור III

דרעה אום דיא ווייסע זייט צו
זיך, און לעג ווי א שלייף דיא
לאנגע זייט איבער דער קורצער
זייט, אזוי ווי בילד III

## קשר תפילין של יד (אשכנז)




אחוז העניבה בשתי אצבעותיך, והנח את ה„יוד" אצל העניבה ותראה כמו שתי עניבות, אחת ארוכה ואחת קצרה, כמו ציור IV

האלט דיא שלייפע מיטביידע פינגער, און לעג דערביי אריבער דיא „יוד" וועט דאס אויסזעהען ווי א לאנגע שלייפע נעבען א קורצע שלייפע, אזוי ווי בילד IV




ועתה אחוז בשתי אצבעותיך אל תרף ושים את העניבה הארוכה בתוך הקצרה כמו ציור V

יעצט האלט מיט דיא צוויי פינגער דיא 2 שלייפען, און ציה דיא לאנגע דורך דיא קורצע שלייפע, אזוי ווי בילד V

## קשר תפילין של יד (אשכנז)




בעודך אוחז את העניבה הארוכה בתוך הקצרה, משוך את ה„יוד" דרך העניבה הקצרה ממעל לעניבה הארוכה כמו ציור VI

לאז ניט אב דיא פינגער פון דיא 2 שלייפען ציה דורך דיא „יוד" דורך דער קורצער שלייפע איבער דער לאנגער שלייפע אזוי ווי בילד VI




כמו ציור VII נראה הקשר מצד אחד בעודך מהדק אותו.

ווען דיא ציהסט דיא רצועה מיט איין האנד און דיא שלייפע מיט דער צווייטער האנד זעהט דער קשר אויס אזוי ווי בילד VII




קח הרצועה הארוכה ומשוך אותה דרך המעברתא של יד עד הקשר כמו ציור VIII

ציה דורך דיא לאנגע רצועה דורך דעם של יד ביז צום קשר אזוי ווי בילד VIII

## קשר תפילין של יד (אשכנז)




IX

קח את הרצועה ומשוך אותה דרך העניבה
שמן הקשר ולחוץ כמו ציור IX

ציה דיא רצועה דורך דער שלייפע וואס
איז ביים קשר אזוי ווי בילד IX




X

יניח השל יד על שמאלו במקום שהבשר
גבוה, הקשר יהיה לצד הלב והמעברתא
לצד מעלה, וקודם שמהדק מברך להניח
תפילין כמו ציור X

דעם של יד לעגט מען אויף דעם גראבען
פלייש, דער קשר זאל זיין קעגען הארץ
און דיא מעברתא (ווי דיא רצועה איז
דורכגעצווינגען) ארויף צו, און איידער
מען ציהט איין אזוי ווי בילד X, זאגט
מען די ברכה להניח תפילין.



XI

ידקדק שלא תזוז השל יד למטה, פחות משתי אצבעות להמרפק, ויכרוך ז׳ כריכות, ואחר שיניח השל ראש, ויברך, יעשה ברצועה של יד על האצבע האמצעי כריכה אחת בפרק האמצעי, ושתי כריכות בפרק התחתון כמו ציור XI

מען דארף זעהען דער של יד זאל ליגען וועניגסטענס 2 פינגער העכער פון דעם עלענבאגען, מען וויקעלט ארום דיא האנד 7 מאל. מען טהוט אן דעם של ראש און זאגט דיא ברכה. נאכ־דעם וויקעלט מען מיט דער רצועה של יד אויף דעם מיטעלסטען פינגער; 1 מאל אויף דעם מיטעללסטען גליד און 2 מאל אויף דעם גליד צו דער האנד אזוי ווי בילד XI

## קשר תפילין של יד (ספרד)




I

צד השחור של הרצועה שים נגד פניך, וקח קצה הרצועה בימינך והעביר אותה על־גבי צדה הארך, כעניבה ותחוב אותה דרך עליה

כמו ציור I

נעהם דיא שווארצע זייט רצועה צו זיך, דעם שפיץ רצועה אין דער רעכטער האנד, און בייג איהם אריבער דער לאנגער זייט פון דער רצועה און ציה דורך דעם שפיץ רצועה אויבען ארום אזוי ווי בילד I




II

אחר שתהדק את הרצועה תראה תמונת ף

כמו ציור II

נאך דעם איינציהען זעהט דאס אויס ווי א ף

אזוי ווי בילד II




III

קח קצה הרצועה בשמאלך, והפוך אותה בצד השחור לחוץ והנח צדה הארוך על צד הקצר כעניבה כמו ציור III

נעהם דעם שפיץ רצועה אין דער לינקער האַנד, דרעה אום דיא ווייסע זייט צו זיך, און לעג ווי א שלייף דיא לאנגע זייט איבער דער קורצער זייט, אזוי ווי בילד III

## קשר תפילין של יד (ספרד)



IV

אחוז העניבה בשתי אצבעותיך, והנח את ה„יוד" אצל העניבה ותראה כמו שתי עניבות, אחת ארוכה ואחת קצרה, כמו ציור IV

האלט דיא שלייפע מיטביידע פינגער, און לעג דערביי אריבער דיא „יוד" וועט דאס אויסזעהען ווי א לאנגע שלייפע נעבען א קורצע שלייפע, אזוי ווי בילד IV



V

ועתה אחוז בשתי אצבעותיך אל תרף ושים את העניבה הארוכה בתוך הקצרה כמו ציור V

יעצט האלט מיט דיא צוויי פינגער דיא 2 שלייפען, און ציה דיא לאנגע דורך דיא קורצע שלייפע, אזוי ווי בילד V

## קשר תפילין של יד (ספרד)



VI

בעודך אוחז את העניבה הארוכה בתוך
הקצרה, משוך את ה„יוד״ דרך העניבה
הקצרה ממעל לעניבה הארוכה כמו ציור
VI

לאז נים אב דיא פינגער פון דיא 2 שליי-
פען ציה דורך דיא „יוד״ דורך דער
קורצער שלייפע איבער דער לאנגער
שלייפע אזוי ווי בילד VI



VII

כמו ציור VII נראה הקשר
מצד אחד בעודך מהדק אותו

ווען דיא ציהסט דיא רצועה
מיט איין האנד און דיא
שלייפע מיט דער צווייטער
האנד זעהט דער קשר אויס
אזוי ווי בילד VII



VIII

קח העניבה ומשוך אותה דרך המעברתא
של יד עד הקשר כמו ציור VIII

ציה די שלייפע דורך דעם של יד ביז צום
קשר אזוי ווי בילד VIII

## קשר תפילין של יד (ספרד)




קח את הרצועה ומשוך אותה דרך העניבה
היוצאת מן המעברתא כמו ציור IX

ציה דיא רצועה דורך דער שלייפע וואס
איז דורך געצווינגען דורך דעם של יד
אזוי ווי בילד IX



X

יניח השל יד על שמאלו במקום שהבשר
גבוה, הקשר יהיה לצד הלב והמעברתא
לצד מעלה, וקודם שמהדק מברך להניח
תפילין כמו ציור X

דעם של יד לעגט מען אויף דעם גראבען
פלייש, דער קשר זאל זיין קעגען הארץ
און דיא מעברתא (ווי דיא רצועה איז
דורכגעצווינגען) ארויף צו, און איידער
מען ציהט איין אזוי ווי בילד X, זאגט
מען די ברכה להניח תפילין.



XI

ידקדק שלא תזוז השל יד למטה, פחות משתי אצבעות להמרפק, ויכרוך ז' כריכות, ואחר שיניח השל ראש, ויברך, יעשה ברצועה של יד על האצבע האמצעי כריכה אחת בפרק האמצעי, ושתי כריכות בפרק התחתון כמו ציור XI

מען דאַרף זעהען דער של יד זאל ליגען וועניגסטענס 2 פינגער העכער פון דעם עלענבאגען, מען וויקעלט ארום דיא האנד 7 מאל. מען טהוט אן דעם של ראש און זאגט דיא ברכה. נאכ־דעם וויקעלט מען מיט דער רצועה של יד אויף דעם מיטעלסטען פינגער; 1 מאל אויף דעם מיטעללסטען גליד און 2 מאל אויף דעם גליד צו דער האנד אזוי ווי בילד XI

## קשר תפילין של ראש

בכל הציורים שבתפילין של ראש מסומן משמאל: רצועה 1; מימין: רצועה 2.
די בילדער פון תפילין של ראש זענען בעצייכענט לינקס: רצועה 1; רעכטס: רצועה 2.



I

קח רצועה 1 וכפול אותה (כעניבה), וגם ברצועה 2 תעשה כן, ושים את הכפול של רצועה 1 בתוך הכפול של רצועה 2, כמו ציור I

בייג איין רצועה 1 וויא א שלייפע און אויך אזוי רצועה 2. לעג אריין די שלייפע פון רצועה 1 אין דער שלייפע פון רצועה 2 אזוי ווי בילד 1.



II

אחר־כן קח את קצה הרצועה 2 ותן בתוך העניבה של רצועה 1 כמו ציור II.

נעהם דעם שפיץ רצועה 2 און ציה דורך די שלייפע פון רצועה 1 אזוי ווי בילד II.



III

קח עוד הפעם רצועה 2 ושים אותה בתוך העניבה ההיא של רצועה 1 כמו ציור III.

ציה נאך א מאל די רצועה 2 דורך דער שלייפע פון רצועה 1 אזוי ווי בילד III.



IV

קח את קצה הרצועה 1 ושים אותה בתוך העניבה של קצה הרצועה 2 המשוכה למעלה בפעם השני כמו ציור IV.

נעהם דעם שפיץ פון רצועה 1 און ציה דורך דער דורך־געצויגענע שלייפע פון רצועה 2 אזוי ווי בילד IV.

## קשר תפילין של ראש



V

ועתה אחוז בשתי קצות הרצועות ומשוך אותם עד שיהדק, והנה הקשר לפניך, כמו ציור V.

יעצט ציה איין די ביידע עקען פון די רצועות ביז דער קשר ווירד, אויסזעהן אזוי ווי בילד V.



VI

הפוך את הקשר מצד השני וראה אם תמונת כמו ציור VI.

אויף דער אומגעקעהרטער זייט מוז דער קשר אויסזעהען אזוי ווי בילד VI.

### להכיר על התפילין של ראש מבחוץ בין של רש"י לרבינו תם
### צו דערקענען ביים תפילין של ראש, אויב עס איז רש"י'ס אדער רבינו תם'ס תפילין



בשל רבינו תם השערות תחובות בחריץ האמצעי.

ביי רבינו תם'ס תפילין זענען די שערות אין דער מיטטע.



בשל רש"י, השערות תחובות בחריץ שבצדו.

ביי רש"י'ס תפילין זענען די שערות אין דער זייטע.

## קשר תפילין של ראש

החצים עם המספרים מורים על המשך הרצועה ונטייתה, מתחלתה לסופה, ושלא יתבלבל המעיין הצנתי המספרים אצל רצועה 1 בתוך עגול.

דיא פיילען מיט דיא נומערען ווייזען דעם לויף פון דער רצועה ביז צום סוף. כדי מען זאל זיך ניט טועה זיין זענען דיא נומערען פון רצועה.1 אין ריגנעלעך.




קח רצועה (1) וכפול אותה כעניבה, וכן תעשה ברצועה 2, והנח את הכפול של רצועה 2 על הכפול של רצועה (1) כמו ציור I

נעהם רצועה (1) און לעג זיא צזאמען וויא א שלייף און אזוי מאך רצועה 2 און לעג ארויף דעם שלייף פון רצועה 2 אויף דעם שלייף פון דער רצועה (1) אזוי וויא בילד I.




אחר־כך כפוף את הכפול של רצועה (1) על גבי הכפול של רצועה 2 כמו ציור II

נאכדעם בייג אריבער דעם שלייף פון רצועה (1) אויף דעם שלייף פון רצועה 2 אזוי ווי בילד II

## קשר תפילין של ראש




שים את קצה הרצועה (1) בתוך הכפול של רצועה (1) ומשוך אותה דרך שם כמו ציור III

ציה דעם שפיץ פון דער רצועה (1) דורך דער שלייפע פון דער רצועה (1) אזוי וויא בילד III




תחוב עוד הפעם רצועה (1) בתוך הכפול שלה ומשוך אותה דרך שם כמו ציור IV

ציה נאך א מאל דורך דעם שפיץ רצועה (1) דורך דער זעלבער שלייפע אזוי ווי בילד IV

## קשר תפילין של ראש




אחר־כך פשום את קצה הרצועה (2) והניחו תלוי למטה כמו ציור V

בייג אראפ דעם עק רצועה (2) עם זאל ארונטער הענ־ גען אזוי ווי בילד V




קח את קצה הרצועה (1) ותחוב אותה בתוך הכפול של רצועה (2) כמו ציור VI
נעהם דעם עק־רצועה (1) און ציה דורך דער שלייף פון רצועה (2) אזוי ווי בילד VI

## קשר תפילין של ראש




תחוב עוד הפעם קצה הרצועה (1) בתוך הכפול של רצועה (2) ומשוך אותה דרך שם כמו ציור VII

ציה נאך א מאל דעם עק רצועה (1) דורך דעם זעלבען שלייף פון רצועה (2) אזוי ווי בילד VII




אחוז בשתי הקצוות ומשוך ברצועות עד שיהדק והקשר עשוי כדת כמו ציור VIII

ציה צוזאמען ביז דער קשר ווירד פערטיג געמאכט אזוי ווי בילד VIII

## קשר תפילין של ראש




IX

**תמונת הקשר מצד השני כמו ציור IX**

**אויף דער אנדערער זייט זעהט אויס דער קשר אזוי ווי בילד IX**



XI



X

דיו של סופרים. נעשה באופנים שונים (עי' קסת הסופר, מאיר עיני סופרים ותיקון סופרים). ואכתוב פה עשיית הדיו באופן היותר קל, ונהוג אצל הסופרים. 30 גראם גומי־ראביק, 30 גראם גאליש (עפצים: גאלנים) וטוב לכתשם לפירורין, כף אחת קופער־וויטריאל (קנקנתום) וטוב לקלותו באש, רבע ליטר מים, ומערבין הכל ביחד ומרתיחין על האש עד שישאר המחצה, ואחר שיצטנן ראוי הוא לכתיבה.

וברוסלאנד נהגו הסופרים לעשות הדיו באופן זה. 2 ליטר שפירט (יין שרף). א האלב פונד גאליש לכתוש לגריסין וליתן לשפירט שישרה בתוכו (עשרה ימים) עד שיתאדם השפירט, אחר־כך מערין למחבת ומדליקין את השפירט, ובתוך כך נותנין לתוכו קופער־וויטריאל שרוף 8 גראם, גומי־ראביק 8 גראם, צוקער כתוש 5 גראם ומניח את הדיו דולק עד שישאר שליש מהכל ומצננין אותו וממערין מה שלמעלה, והוא הדיו המובחר, ובהנשאר נותנין מעט מים ומרתיחין אותו עוד הפעם ונעשה שחור אבל אינו מן המובחר כראשון.

**פני התפילין לא יהיו מונחים למטה ממקום התחלת צמיחת השערות, והקשר יהיה מונח אחורי הראש בסוף הגלגולת, בהתחלת הגומא כמו ציור X**

**די פאדערשטע זייט פון דיא תפילין זאל ניט אראפ הענגען נידריגער פון ווי דיא האר הייבען אן צו שפראצען, און דער קשר אונטער דעם קאפ זאל ליגען אויף דעם עק שארבען ביים אנהויב גריבעלע אזוי ווי בילד X**

**אם הניח התפילין של ראש למטה כמו ציור XI הרי הוא כאלו לא הניח תפילין והברכות ע׳ התפילין, הם לבטלה, ועונשו חמור, ומצוה לפקח על זה.**

**אויב מען האט געלעגט דיא תפילין נידריגער, אזוי ווי בילד XI איז גלייך ווי מען האט ניט געלעגט קיין תפילין און מאן האט נאך א עבירה וואס מען האט געמאכט ברכות לבטלה. עס איז א מצוה אויך אנדערע דאס צו בעלערנען**

# *Encylopedia of Kashruth*

Volume 2

## Cholov Akkum
## Infant Formulas

***Concerning the stringency of the prohibition of Cholov Akkum fed to 80% of all Jewish children, even by the most Orthodox.***

This book is an anthology of quotations from the books of the **poskim**, the halachic authorities whom we follow - also alarming incidents taken from reliable sources, things that have occurred to infants who have not sinned, yet through incidents in which they ate prohibited food, later turned away from Judaism - and many more stories, instructions, and advice in all areas of kashruth of Jewish homes.

In addition, we cite statements of physicians concerning the vast difference between the health of breast-fed children and those fed prepared formulas, who are much more vulnerable to all kinds of ailments and diseases, in contrast to breast-fed children who are not, and who are healthy to their old age.

Authored and Compiled
*by*
**Rabbi Shalom Y. Gross**
of Holmin

Author of Nefesh Yeshaya, Responsa Zivchei Tzedek, Minchas Yehudah, Oholei Yisroel, Dvar Moshe, Afias Hamatzos Hasholem, Achilas Matzos B'Yisroel, Kol Yaakov, Kedushas Yisroel, and many other works.

New York 5740

CONTENTS


a) Endorsments . . . . . 1
b) Alarm by the Debrecyner Rav concerning Feeding Childern Formulas made fo Cholov Akkum . . . . . x
c) Ineroduction . . . . . xv
d) Apology . . . . . xxi

**Chapter**
1) A Jewish child may not drink non-kosher milk . . . . . 1
2) A Jewish child must drink kosher milk . . . . . 3
3) Unfortunate incidents that occurred because of laxity in observance of kashruth . . . . . 6
4) Responsa about kashruth as regards young children . 12
5) Advantages of mother's milk (from Seforim) . . . . . 20
6) Reprint of New York Times - the latest decision of the greatest doctors of America concerning breast-feeding 24
   a) Prevent a child from growing too fast.
   b) Protects child from stomach ailments.
   c) Supplies the proper proteins for humans, facilitates development of the brain, and protects from nervous disorders.
   d) Supplies polyunsaturatad fats, beneficial against heart attacks and cancer.
   e) Grants immunity to diseases.
   f) Lower rate of asthma.
   g) Lower rate of vomiting and diarrhea.
   h) Lower rate of crib death.
7) Kashruth supervision and certification . . . . . 27
8) Unfortunate incidents due to laxity in observance of kashruth . . . . . 37
9) Washing the hands of children in the mornings . . . . 56
10) Precautions for Pesach . . . . . 58
11) An outcry for help . . . . . 59
12) Supervision . . . . . 71
13) Sanctity of the rearing of sons and daughters . . . . 90
14) The dire results of eating prohibited foods and the punishments in store for the one who eats them . . . 97
15) The duty to admonish and protest - Quotations from Talmud, Zohar, and Midrash . . . . . 101


# SEFER

# THE BEARD IN JEWISH LAW

## Zokon Yisroel K'hilchoso

By

**Rabbi Sholom Yehuda Gross**
of Holmin

Author of Nefesh Yeshaya, Responsa Zivchei Tzedek, Minchas Yehudah, Oholei Yisroel, Dvar Moshe, Afias Hamatzos Hasholem, Achilas Matzos B'Yisroel, Kol Yaakov, Kedushas Yisroel, and many other works.

New York 5740

# Tiferes Matisyahu

## Concerning the Mitzvah of Mezuzah

This booklet contains alarming facts about Mezuzahs all over the world. Its purpose is to warn the buyer to beware of purchasing invalid mezuzos. If one is careless in buying mezuzos, he endangers himself and his family both in this world and in the next. We cite numerous cases indicating this.

Authored and Compiled
*by*
**Rabbi Shalom J. Gross**

Rabbi of Congregation Magen Shaul of Holmin, Rosh Yeshivah of Yeshiva and Kolel Beth Yeshaiah,
Machon l'horaah bishchitoth uvdikoth.

CONTENTS


Chapter 1. A Call to Teshuva
Chapter 2. The Approach to Teshuva
Chapter 3. The Public Fast
Chapter 4. When Torah Scrolls are Burned
Chapter 5. Unfit Sifrei Torah
Chapter 6. A Plea to the Community
Chapter 7. Forty Thousand Jews wore Posul Tefillin for Years
Chapter 8. Dishonest Sofrim
Chapter 9. Jews are Wearing Paper Tefillin
Chapter 10. Bar Mitzvah Sets
Chapter 11. A Call to Roshei Yeshivos and Deans of Yeshivos
Chapter 12. Blessing through Kosher Tefillin
Chapter 13. A Terrible Tragedy from not Examining Mezuzos
Chapter 14. The Effect of Tefillin and Mezuzos
Chapter 15. The Importance of Kosher Mezuzos
Chapter 16. The Price of Mezuzos
Chapter 17. Mezuzos in Places of Business